ב"ה

# אין ליכט פון תורה

ספר

# השבת

ערשטער טייל
פערטער קאפיטל
אידיש

**730**

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשנ"ט לפ"ק

# פערטער קאַפּיטל

## ר׳ יהודה הלוי

# פון ספר־הכוזרי

### א.

דער כלל איז, אז אונזער תורה איז איינגעטיילט צווישן יראה, ליב־שאַפט און שמחה; זאָלסט זיך דערנעענטערן צו גאָט אין יעדער איינער פון זיי, און דיין זיך פּייניקן אין טעג פון תענית איז ניט נענטער צו גאָט ווי דיין שמחה אין די טעג פון שבתים און יום־טובים, אויב דיין שמחה וועט זיין מיט כוונה און מיטן גאַנצן האַרצן. און אזוי ווי תפלה דאַרף האָבן דיין פולן געדאַנק און כוונה, אזוי דאַרף די שמחה מיט זיין געבאָט און זיין תורה האָבן דיין געדאַנק און כוונה, אז דו זאָלסט זיך פרייען מיט דער מצוה גופא, צוליב דיין ליבשאַפט צו דעם מצוה־געבער, אז דו זאָלסט דורך זיי באַנעמען, אז דאָס איז פון דיין טובה וועגן, און זאָלסט דאַנקען דערפאַר פון טיפן האַרצן און ווי דו וואָלסט אַריינגעקומען אין זיין אַכסניה, פאַרבעטן צו זיין טיש און גוטסקייט, און זאָלסט דאַנקען דערפאַר פון טיפן האַרצן און דורך אַלע דיינע מעשים. און אויב די שמחה אין דיר וועט אריבערגיין אין געזאַנג און טאַנץ איז דאָס אויך עבודה און דבקות צו גאָט. און די זאַכן האָט די תורה ניט געלאָזן אָפן — נאָר זיי זיינען אַלע דורך גאָט׳ס געבאָט, ווייל מענטשן זיינען ניט ביכולת צו מאַכן גייסטיקע און פיזישע תיקונים, און ווי גרויס דער שיעור דאַרף זיין פאַר רו און באַוועגונג. און גאָט ברוך הוא האָט משער געווען, וויפיל די ערד קען ארויסגעבן ביז זי וועט רוען אין יאָר פון שמיטה און פון יובל, נאָכדעם ווי ס׳וועט פון דעם געגעבן ווערן מעשר, אאז״וו. און ער האָט אָנגעזאָגט וועגן רו פון שבת און רו פון יום־טובים און רו פון דער ערד און דאָס אַלץ איז א זכר פון יציאת־מצרים און א זכרון פון מעשה־בראשית. דאָס אָפּהיטן שבת, אין דעם גופא גיט שוין דער מענטש צו אז ס׳איז פאַראַן א וועלט־באַשעפער, ווייל דער וואָס נעמט אויף זיך די מצוה פון שבת, ווייל מיטן שבת איז פאַרגעקומען די פאַרענ־דיקונג פון מעשה־בראשית, האָט דאָך שוין מודה געווען אין דער נייקייט פון דער וועלט גאָר אָן ספק, און דער וואָס איז מודה אין איר נייקייט איז מודה אין דעם וועלט־באַשעפער, יתברך; און יענער וואָס האָט ניט אָנגענומען די מצוה פאַלט אריין אין צווייפל, אז די וועלט איז פון אייביק אָן, און זיין אמונה אין בורא עולם איז ניט ריין. וויבאַלד אזוי, איז דאָס היטן פון שבת דערנענטערט צו גאָט מערער פון פרישות און נזירות.

(מאמר שני, נ׳)

ב.

... און די פרוכט פון דער וואָך איז דער טאָג פון שבת, ווייל ער איז באשטימט אז דער מענטש זאָל זיך באַהעפטן אין אים צו גאָט און זיין עבודה דארף זיין דורך שמחה און ניט דורך פּייניקונג. דורכן פארלויף פון דער וואָך האָבן זיך אָנגעקליבן איבעריקע זאכן, וואָס פארפינצטערן די נשמה און מ׳קען זיי אנדערש ניט רייניקן ווי מיט דער עבודה צו גאָט און דאָס רוען פון גוף אום שבת און דאַן וועט דער גוף באַקומען כוחות אין שבת, דאָס וואָס ס׳האָט אים אויסגעפּעלט אין די זעקס טעג און ער וועט זיין געלייטערט פאר דער צו־קונפט; און אויך די נשמה וועט געדיינקען וואָס עס פעלט איר ווען דער גוף איז אין ארבעט, ווי זי וואָלט אין יענעם טאָג זיך אויסגעהיילט פון א פריער־דיקער קראנקהייט און זי גרייט זיך צו ווידערשטיין א קראנקייט דורך דער קומענדיקער וואָך.

(מאמר שלישי, ה׳)

# שבת און יום-טוב האָבן אויפגעהאַלטן אידן אויף דער וועלט

ג

זאָגט דער חבר: און דאָס אייגענע מיט אנדערע ענינים, וואָס קיין אומה פון די אומות־העולם קען זיך צו אונז ניט גלייכן. דו זעסט דאָך, אז זיי האָבן אוועקגעשטעלט אָ טאָג פאר רו אַנשטאָט דעם טאָג פון שבת — קענען זיי זיך צו אים גלייכן? ס׳איז בלויז ווי ס׳קען זיך גלייכן א צורה פון א געמעלעכץ צו דער צורה פון א לעבעדיקן מענטשן.

זאָגט דער כוזרי: כ׳האָב שוין זיך פארטראכט אין אייער ענין און גע־זען, אַז ס׳איז א געטליכער סוד פאראן אין דעם וואָס ער האלט אייך אויף, און אז שבת און יום־טוב איז די גרעסטע סבה פארוואָס איר זענט געבליבן ביי אייער געשטאַלט און שיינעם אויסזען; ווייל די פעלקער וואָלטן זיך צו־טיילט מיט אייך און וואָלטן אייך גענומען פאר קנעכט צוליב אייער שכל און קלאָרן פארשטאַנד. זיי וואָלטן אייך צוגענומען פאַר זעלנער, ווען ניט פאר יענע טעג, וואָס איר היט זיי אָפּ אָ שטרענגע אָפּהיטונג, ווייל זיי קומען פון גאָט און פון שטאַרקע סבות, ווי זכר למעשה בראשית, זכר ליציאת מצרים, זכר למתן־תורה — און די אלע זיינען געטלעכע ענינים און ווען ניט זיי וואָלט קיינער פון אייך זיך ניט אָנגעטאָן קיין ריין בגד, און איר וואָלט ניט צוזאמענגעקומען און די שולן לזכר פון אייער תורה — צוליב אייער גייסטיקער געפאַלנקייט פון שטענדיקן גלות. ווען ניט זיי וואָלט איר ניט געהאַט קיין הנאה אַפילו

איין טאָג אין אייערע לאַנגע יאָרן; איר האָט שוין געהאַט ביז איצט אַ זעקסט חלק פון אייערע יאָרן האָט איר שוין געהאַט מנוחת הגוף און מנוחת־הנפש, און די מלכים קענען גאָרנישט ניט טאָן מיט דעם. און ווען ניט זיי (יענע טעג) וואָלט אייער גאַנצע מי געווען פאַר פרעמדע, ווייל ס'איז אַלעמאָל אויסגעשטעלט אויף רויב. און אויב אַזוי זיינען אייערע הוצאות אויף שבת און יום־טוב אייער פאַרדינסט אויף דער וועלט און אויך אויף יענער וועלט ווייל די הוצאות זיינען לשם שמים.

(דאָרטן, ט׳־י׳)

## אַנטקעגן די קאַראַאימען

### ד

זאָגט דער חבר: אין אַט דעם פשוטן ספר פון משה׳ן כדי צו וויסן ווי אַזוי די ווערטער זאָלן געלייענט ווערן און ווי אַזוי צו מאַכן זאַצן באַדאַרפן מיר אָנקומען צו אַ סך מדרגות פון מסורה, ווי ס'זאָל זיין דער ניקוד, דער אַק־צענט, דאָס שליסן פון זאַץ און מסורה; הײַנט וויפיל מיר דאַרפן שוין אָנקומען צו דער מסורה ווען ס'האַנדלט זיך צו פאַרשטיין די ענינים און זייער אויס־טײַטשונג. דו קענסט זען פון דעם (ווי מיר מוזן אָנקומען צו מסורה) פון דעם וואָס ער האָט געזאָגט: „דער דאָזיקער חודש איז דער הויפּט פון די חדשים" (שמות י״ב, ב׳) האָט דאָס פאָלק ניט געהאַט קיין ספקות, צי ער מיינט צו זאָגן די מאָנאַטן לויט דער צייטרעכענונג פון די מצרים, צווישן וועלכע זיי האָבן געלעבט, אָדער די חדשים פון די כאַלדעער, וואָס זיינען געווען מיט אברהם׳ן אין אור־כשדים. איך וואָלט געוואָלט, אַז די קאַראַאימען זאָלן מיר געבן אַ צופרידנשטעלנדיקן ענטפער אויף דעם און דאָס גלייכן — און איך וועל מיך באַקערן צו זייער מיינונג. און איך וואָלט וועלן, אַז זיי זאָלן מיר געבן דעם גבול פון „קיין מאַן זאָל ניט אַרויסגיין פון זיין פּלאַץ אין טאָג פון שבת", צי דאָס איז זיין הויז, זיין הויף, אָדער זיין רשות און אויב ער האָט אַ סך הויפן, אָדער זיין געסל, אָדער זיין שכונה, אָדער זיין פאַרשטאָדט, ווייל אין וואָרט „פּלאַץ" קען מען אַלץ איינטײַטשן און נאָך מער פון דעם. און איך וואָלט געוואָלט, זיי זאָלן מיר באַווייזן דעם גדר פון דער אַרבעט וואָס איז פאַרבאָטן צו טאָן אום שבת און פאַרוואָס טאָר מען ניט נעמען דאָס פעדער און טינטער מגיה צו זיין אַן אות אין דער תורה און ס'איז דערלויבט מטלטל צו זיין אַ גרויסן ספר און אַ טיש און אַנדערע מאכלים און אַ סעודה פאַר אורחים... און ווי אַזוי האַנדלען זיי מיט די מצוות, וואָס זיינען דוחה איינע די אַנדערע, ווי מילה מיט שבת און פסח מיט שבת — וואָס איז דוחה דאָס אַנדערע?

(דאָרטן, ל״ה)

## ר׳ משה בן־מיימון (רמב״ם)

# פון „מורה־נבוכים״

### 1.

## די צוויי טעמים פאַר דער מצוה שבת

די תורה פון שבת איז זייער א שטרענגע און דער האר פון די נביאים (משה) האָט געלאָזן טייטן פאַר חלול־שבת. און אין די עשרת־הדברות איז זי די דריטע לויט איר באַדייט אין דער מציאות פון גאָט און צו דערווייטערן יעדער צווייפֿיקייט אין געטלעכקייט. דאָס איז באַוואוסט, אז אידייען אָן מעשים, וואָס זאָלן זיי באַקאַנט מאַכן און מפרסם זיין אויף אייביק צום המון — קענען זיך ניט האלטן, און דעריבער האָט אונז די תורה אָנגעזאָגט וועגן דער גרויסקייט פון דעם דאָזיקן טאָג, ווייל דורך דעם ווערט אויפגעהאַלטן דער יסוד פון דער נייקייט פון דער וועלט און ס׳ווערט באַקאַנט און פעסט־געשטעלט, אז ווען מענטשן האלטן שבת אַלע אין איין טאָג און ווען מ׳וועט זיך נאָכפרעגן אויף דער סיבה דערפון, וועט זיין דער ענטפער, אַז „זעקס טעג האָט גאָט באַשאַפן״, אאַז״וו אאַז״וו. אָבער אַחוץ דער דאָזיקער סיבה איז פאַראַן נאָך אַ צווייטע סיבה, און זי איז דערקלערט אין משנה־תורה, ווייל דאָרט שטייט געזאָגט: „און דו זאָלסט געדענקען, אַז דו ביסט געווען אַ קנעכט, דעריבער האָט גאָט דיין האר דיר באַפוילן צו מאַכן דעם טאָג שבת״. (דברים ה׳ ט״ו) די ערשטע סיבה פון נייקייט פון דער וועלט שליסט איין אַלע מענטשן — איז געקומען די תורה און מוסיף געווען, אַז שבת האָט אַ באַזונדערן ווערט פאַר די קינדער פון ישראל און איז נאָכמער געגעבן געוואָרן צו זיי צוליב דעם טעם, וואָס זיי זיינען געווען קנעכט אין לאנד מצרים, וואָס האָבן געאַרבעט ניט מיט זייער אייגענעם רצון, און האָבן ניט געקענט רוען, ווען זיי האָבן געוואָלט; איז געקומען דאָס באַפעל פון שבת און רו, וואָס נעמט צונויףביידע ענינים, און דאָס זיינען: די נייקייט פון דער וועלט, וואָס לערנט וועגן דער מציאות־השם אין אָנהייב פון געדאַנק, און דאָס דערמאָנען גאָט׳ס חסדים מיט אונז, ווען ער האָט אונז ארויסגעצויגן פון דער לאַסט פון די מצרים. און דער ענין שבת אַנטהאַלט אין זיך דעם העכסטן גייסטיקן געדאַנק און אויך דעם חסד פון פאָלקס מאַטעריעל לעבן.

(מורה־נבוכים חלק ב׳ פרק ל״א)

.2

## אַ טאָג פון רו

דער ענין פון שבת, א חוץ וואָס ער האלט אַן שטענדיק און באשטעטיקט דאָס גלויבן אין דער נייקייט פון דער וועלט — איז אויך חשוב מצד פון דער רו גופא, אז א זיבענט חלק פון מענטשנס לעבן זאָל פאַרבראַכט ווערן אין רו און הנאה, זיך אָפּצורוען פון דער מי און האָרעוואַניע, וואָס סיי גרויס, סיי קליין קענען זיך פון דעם ניט אַרויסמאַכן.

(דאָרטן, חלק ג׳ פרק מ״ג)

# ר׳ אַבְרָהָם אִבְּן-עֶזְרָא

.1

## די קדושה פון שבת

גאָט האָט געהייליקט דעם דאָזיקן טאָג און אים באַשטימט, אַז אַ מענטש זאָל אין אים באַקומען מער חכמה ווי אין די אַנדערע טעג, דעריבער שטייט געשריבן: „גאָט האָט געבענטשט״... מיר האָבן געזען, אַז דאָס יאָר פון שמיטה איז געגליכן צו שבת, ווייל דאָס איז אויך דאָס זיבעטע פון יאָרן, און גאָט האָט באַפוילן מען זאָל לייענען די תורה אין אָנהייב יאָר פאַר די מענער, ווייבער און קינדער און דער טעם איז, „כדי זיי זאָלן הערן און כדי זיי זאָלן לערנען און אָפּהיטן״. נון, דער שבת איז געגעבן געוואָרן, כדי צו פאַרשטיין גאָט׳ס מעשים און זיך צו פאַרטיפן אין זיין תורה און אַזוי שטייט געשריבן „דו האָסט מיך דערפרייט, גאָט, מיט דיין ווערק״. (תהלים צ״ב, ו׳) אַלע טעג פון דער וואָך פאַרנעמט זיך דער מענטש מיט זיינע באַדערפעניש, אָבער אין דעם טאָג דאַרף אַ מענטש זיך אָפּזונדערן און רוען צוליב דעם כבוד פון גאָט׳ס נאָמען און ער זאָל זיך ניט פאַרנעמען צו ריידן פון זיינע באַדערפענישן און אַפילו ניט זיך האַלטן אַן עצה וואָס צו טאָן. און אַזוי זאָגט דער נביא: „ניט צו געפינען דיר אַן עסק, אָדער אָפּרעדן אַ זאַך״. און ס׳איז געווען ביי אידן אַ מנהג צו גיין אויף שבת צו די נביאים, ווי ס׳שטייט אין פסוק: „פאַרוואָס גייסטו צו אים היינט, ס׳איז ניט ראש־חודש און ניט שבת״. (מלכים ב׳ כ״ג) און כ׳האָב שוין דערמאָנט, אַז דער וואָס טוט אַן אַרבעט אום שבת לייקנט אין מעשה־בראשית, ס׳פאַרלייקנט בלויז ניט גאָט׳ס נאָמען. נון, ס׳איז ניט קיין ספק אַז דאָס וואָרט „דו״ נעמט אין זיך אַריין יעדן איינעם וואָס איז אַ בן־מצוה, דעריבער איז דאָס רוען פון דיין קליינעם זון אָדער טאָכטער חל אויף דיר, און דו ביסט מחוייב זיי צו היטן, אַז זיי זאָלן ניט טאָן עפּעס וואָס דו טאָרסט ניט טאָן, און אויך דאָס אייגענע מיט דיין קנעכט און דיין דינסט.

וואָס זיינען אין דיין רשות, דו ביסט מחויב זיי צו היטן און זיי ניט לאָזן אַר־בעטן פאַר אנדערע, ווארום אויב ניט ביסטו עובר אויף דער מצוה פון לא־תעשה: „כדי דיין קנעכט און דיין דינסט זאָלן רוען ווי דו". (דברים ה׳ י״ד) און מיט דעם תנאי מעג דער פרעמדער וואוינען אין דיינע טויערן, אַז ער זאָל ניט טאָן קיין ארבעט אום שבת און יום־כפור דעריבער שטייט צום צווייטן מאָל „דער פרעמדער"... און מיר זעען ביי ירמיה׳ן, אז ער איז זייער שטארק מחמיר אין דער מצוה פון שבת און ער זאָגט בפירוש, אז הגם ס׳איז ארויס דער גזר אויף ירושלים חרוב צו ווערן, אָבער אויב יידן וועלן אָפּהיטן שבת ווי זיי זיינען אָנגעזאָגט געוואָרן, — וועלן זיי ניט פאַרטריבן ווערן פון זייער פלאַץ און אין ירושלים וועלן שטיין די שטולן פון מלכות בית־דוד.

(פרשה יתרו)

.2

## דאָס אָפּהיטן שבת איז חל אויף קליינע קינדער

ווענן פרשה קדושים, וואָס הייבט זיך אָן מיט די ווערטער: „איר זאָלט איטליכער האָבן אָפּשיי פאר זיין מוטער און זיין פאָטער און מיינע שבתים זאָלט איר היטן". די מוטער קומט פארן פאָטער, ווייל דאָס קינד דערקענט צוערשט זיין מוטער, נאָכדעם זיין פאָטער, און ערשט דערנאָך דעם שבת, ווייל ס׳איז א מצוה פארן קינד צו היטן שבת, וואָס ס׳איז ניט אזוי מיט אנדערע יום־טובים, און נאָכדעם זאָל ער דערקענען זיין גאָט, וואָס האָט גערוט אויפן זיבעטן טאָג. און ער זאָגט „איר זאָלט האָבן אָפּשיי", אין לשון־רבים, אז די צוקוקער זיינען מחויב אים צו לערנען און אים צו צווינגען דערצו, און דאָס אייגענע מיטן אָפּהיטן שבת.

(ויקרא י״ט, ג׳)

## ר׳ שמואל בן־מאיר (רשב״ם)

## פון זיין פירוש אויף דער תורה

„זעקס טעג זאָלסטו ארבעטן און אויפן זיבעטן זאָלסטו רוען; אפילו אין אָקערצייט און שניטצייט זאָלסטו רוען". דאָס מיינט, ערד ארבעט, ווי ס׳שטייט געשירבן: „אַז דו וועסט באַארבעטן די ערד" (בראשית ד׳ י״ב), „דער וואָס באארבעט זיין ערד האָט ברויט צו זאַט". אין אקערצייט און שניטצייט זאָלסטו רוען — אַן ארבעט וואָס איז חשוב און זיס ביי מענטשן, טאַ ווער רעדט שוין פון אנדערע ארבעטן.

דעריבער האָט גאָט געבענטשט דעם טאָג פון שבת. ווייל, ווען דער טאָג פון שבת איז געקומען האָט שוין גאָט ברוך הוא געהאט באשאפן אלע

באדערפּעבישן פון מענטשן און זייער עסן — פון דעם געפינסטו אויס, אז דער שבת איז געבענטשט מיט אלעם גוטן. און דעריבער, האָט ער אים געהייליקט אין רו, עדות צו זאָגן אויף גאָט ברוך הוא, אז קודם האָט ער אַלצדינג באַשאפן און נאָכדעם גערוט.

„איר זאָלט ניט אָנצינדן קיין פייער". ווייל ביי די יום־טובים שטייט געשריבן: „נאָר וואָס דאַרף געגעסן ווערן פון איטלעכן מענטשן, דאָס אליין מעג צוגעגרייט ווערן ביי אייך". און דאָרט איז דערלויבט געוואָרן אָנצוצינדן פייער אויף צום קאָכן און באַקן, אָבער וועגן שבת שטייט געשריבן: וואָס איר ווילט באקן — באַקט — ווען ס'איז נאָך טאָג — „און וואָס איר ווילט קאָכן קאָכט". דאָס איז אן הזהרה, אז שבת זאָלט איר ניט אָנצינדן קיין פייער אויף צו מאַכן עסן, שוין אָפּגערעדט פון טאָן אַנדערע אַרבעטן, וואָס זיינען פאַר־באָטן אפילו אום יום־טוב.

## ר' משה בן נחמן (רמב"ן)

# פון זיין פירוש אויף דער תורה

„און ער האָט געבענטשט און געהייליקט": ער האָט אים געבענטשט מיט מן און אים געהייליקט מיט מן. און אין נאָמען פון רב סעדיה גאון האָט מען געזאָגט, אז די בענטשונג און הייליקונג גייט אויף די היטער פון שבת, אז זיי זאָלן זיין געבענטשט און געהייליקט. און ר' אברהם אבן־עזרא האָט געזאָגט אז די ברכה איז א גוטער צוגאָב, אז דער גוף זאָל באַנייט ווערן מיט פרישע כחות, און די נשמה מיט חכמה און שכל. „און ער האָט אים געהייליקט" — ער האָט ניט געטאָן אין אים קיין ארבעט ווי אין די אנדערע טעג. און דער אמת איז, אז די ברכה אין טאָג פון שבת איז דער קוואַל פון אלע ברכות און דער יסוד פון דער וועלט. און ער האָט אים געהייליקט, אז ער זאָל ציען יניקה פון דער הייליקייט. און אויב איר פאַרשטייט מיינע ווערטער אז דער טאָג שבת האָט ניט קיין בן־זוג, און וואָס זיי האָבן ווייטער געזאָגט, אז די כנסת־ישראל וועט זיין זיין בן־זוג. און איר וועט באגרייפן, אז שבת איז באמת פאראן א נשמה־יתירה.

## טאָג אין טאָג דאַרף מען זיך דערמאָנען אָן שבת

און על פי פשט האָט מען געזאָגט, אז ער האָט אָנגעזאָגט, אז מיר זאָלן תמיד, יעדן טאָג, געדיינקען דעם טאָג שבת. ווייל ווען מיר וועלן אים געדיינקען תמיד, וועלן מיר אויך זיך דערמאָנען אָן מעשה־בראשית און מיר וועלן זיין עדות אין יעדער צייט, אז די וועלט האָט א באשעפער, און ער האָט אונז באפוילן מיטן דאָזיקן צייכן, ווי ער האט געזאָגט: „אז דאָס איז א צייכן צווישן

מיר און צווישן אייך". (שמות ל"א, י"ג) און דער טעם אים צו הייליקן, אז אונזער געדענקען אים זאָל זיין הייליק ביי אונז אין די אויגן, ווי ער האָט געזאָגט: „און וועסט רופן שבת א תענוג, דעם הייליקן טאָג פון גאָט, גע־ערלעכט". (ישעיה נ"ח, י"ג) און דעם טעם פארוואָס מיר זאָלן האָבן די רו פאר די אויגן איז, ווייל ס'איז א הייליקער טאָג זיך צו באפרייען אין אים פון אלע געשעפטלעכע געדאנקען פון דער וואָך און געבן דער נשמה א תענוג צו גיין אין גאָט'ס וועגן, גיין צו די חכמים און די נביאים צו הערן גאָט'ס וואָרט, ווי ס'שטייט געזאָגט: „פאַרוואָס גייסטו צו אים היינט, ס'איז ניט ראש־חודש און ניט שבת". און דאָס איז דער טעם פארוואָס די בהמה דאַרף אויך רוען, אז מיר זאָלן וועגן איר ניט האָבן קיין מחשבה און דעריבער האָבן די חכמים ז"ל געזאָגט, אז שבת איז וואָגיק אַנטקעגן אלע אנדערע מצוות פון דער תורה, ווייל דורך אים זאָגן מיר עדות אויף אלע עיקרים פון דער אמונה, אויף דער נייקייט פון דער וועלט, אויף גאָט'ס השגחה און אויף נבואה.

## ר' דוד קמחי (רד"ק)

# פון זיין פירוש אויף דער תורה

„און גאָט האָט געבענטשט דעם זיבעטן טאָג און אים געהייליקט".

„געבענטשט" — ברכה מיינט א פארמערונג פון גוטס, און צום טאָג שבת ווערט צוגעגעבן א גייסטיקע גוטסקייט, ווייל די נשמה געפינט רו אין דאָזיקן טאָג פון אלע געשעפטן פון עולם הזה און קאָן זיך אָפּגעבן מיט חכמה און גאָטס וואָרט, און גאָט האָט אים געבענטשט און געהייליקט, ווען ער האָט אָנגעזאָגט די יידן צו רוען אין אים און אים צו האלטן הייליק. „און ער האָט אים געהייליקט" — אַז ער זאָל זיין הייליק און אָפּגעשיידט פון די אַנדערע טעג, ווייל די קינדער פון ישראל רוען אין דאָזיקן טאָג, און דאָס איז דער צייכן צווישן זיי און צווישן גאָט, ווייל זיי זיינען הייליק ווען זיי היטן שבת, וואָס איז אן עדות אויף דער נייקייט פון דער וועלט און צו לאָזן וויסן דער גאַנצער וועלט, אז די וועלט איז ניט קיין קדמון, אז גאָט ברוך הוא האָט ניי־באשאפן אין זעקס טעג און גערוט אויפן זיבעטן טאָג. מ'זאָגט אויך, אז אין ים איז פאראנען א פיש, וואָס שווימט ניט אום שבת און ער רוט דעם גאנצן טאָג נאָענט צו דער יבשה אָדער א פעלזן, און די חכמים ז"ל זאָגן אויפן טייך שבתיון (סנהדרין פ"ה) אז דורך די זעקס טעג פון וואָך ציט ער ארויס שטיי־נער און זאַמד און דורכן טאָג פון שבת, רוט ער, דעריבער רופט מען אים שבתיון. אזוי האָט גאָט ברוך הוא געמאַכט א צייכן אין זיינע שאפונגען אויפן טאָג שבת, אז די וועלט זאָל דורך אים וויסן וועגן דער נייקייט פון דער וועלט.

## ר׳ שלמה בן־אדרת (רשב״א)

## שבת איז די וועלט פאַרפולקאָמט געוואָרן

דו ווייסט דאָך, אז הגם דער בורא יתברך האָט געקענט באשאפן די וועלט דורך איין זאָג, אָבער די חכמה זיינע האָט מחייב געווען זי צו באשאפן אין זעקס טעג און די וועלט איז ניט געווען פול ביזן זיבעטן טאָג און אויפן זיבעטן טאָג איז די וועלט ערשט פול געוואָרן, דעריבער איז ער געוואָרן געבענטשט, ווי ס׳שטייט געשריבן: „און גאָט האָט געבענטשט דעם זיבעטן טאָג״. דאָס איז געווען דער ערשטער טאָג, ווען די וועלט איז געבענטשט און פאַרפולט געוואָרן. דאָס וואָרט „ברכה״ מיינט צוגאָב און פאַרמערונג, פון לשון „און ער וועט בענטשן דיין ברויט און דיינע וואַסערן״. ווייל אין יענעם טאָג איז געווען א פאַרפילונג און פאַרמערונג, מערער ווי אין די ערשטע טעג, ווען די וועלט איז נאָך ניט געווען פול, און דעריבער איז ער געהייליקט געוואָרן, ווייל ער איז געשטאַנען אויף דערגאַנצונג און פאַרפילונג און איז ראוי, אז גאָט ברוך הוא זאָל מאכן רוען אויף אים זיין כבוד און פראַכט, דעם סוד פון זיין פולן נאָמען אויף א פולער וועלט. און ער האָט דאָס געזאָגט: „און ער האָט גערוט אויפן זיבעטן טאָג, דעריבער האָט גאָט געבענטשט דעם טאָג פון שבת און אים געהייליקט״. „ער האָט גערוט״ פון לשון „און ס׳האָט אויף זיי גערוט דער גייסט״. און די טעג פון וועלט־באַשאַף זיינען געוואָרן א יסוד און א דוגמא פאַר אלע קומענדיקע טעג פון דער וועלט, אז יעדער טאָג זאָל ווירקן פאַר גאַנצע דורות, לויט דער פעולה וואָס איז אין אים אָפּגעטאָן געוואָרן אין די ערשטע זיבן טעג. און דאָס איז, וואָס ר׳ שמעון בן לקיש זאָגט, אז ערב־שבת גיט מען אין מענטשן אריין א נשמה־יתירה. און דער מיין איז, אז ער זאָל געפינען אין זיין נשמה פאַרמערונג, גאַנצקייט און תענוג, ווי אין יענעם ערשטן טאָג און צוליב יענעם ערשטן טאָג — חזרט זיך אלץ דאָס איבער. און דאָס איז, וואָס שטייט געזאָגט „שבת וינפש״, פון לשון נפש און ברכה. ער מיינט צו זאָגן, אז דעמאָלט איז באשאפן געוואָרן די נשמה פון דער וועלט.

## ר׳ בחיי בן־אשר

### .1

## די מצוה פון ליכט־בענטשן

וועגן פסוק: „אַזוי זאָלסטו זאָגן צום הויז פון יעקב״ (שמות י״ט, ג׳) — דאָס זיינען די פרויען. די גוטע פרוי איז א הילף צו דער תורה, ווייל זי קען אריינציען איר קינד אין בית־המדרש, מחמת זי איז תמיד אין דער היים און זי גיסט אויס אויפן קינד איר גאַנצע ליבשאַפט און בענקשאַפט, כדי אים

אריינצוציען אין למוד־התורה פון קינדהייט אָן, און אפילו ווען ער איז אלט נויגט ער זיך פון דעם ניט אָפּ. און דעריבער דארף די פרוי טאָן תפלה צו גאָט ברוך הוא ביים ליכט־בענטשן, ווייל עס ליגט אויף איר די מצוה, אז גאָט זאָל איר געבן קינדער וואָס זאָלן לויכטן אין דער תורה, ווייל דאָס גע־בעט וועט בעסער דערהערט ווערן ביים טאָן די מצוה, און אין זכות פון די שבת־ליכט וועט זי זוכה זיין צו קינדער בעלי־תורה, ווייל תורה ווערט אָנגע־רופן ליכט, ווי ס׳שטייט געזאָגט: „דאָס געבאָט איז א ליכט און די תורה א ליכטיקייט״. (משלי ו׳, כ״ג) און אזוי האָבן געזאָגט די חכמים ז״ל: דער וואָס זיין געוואוינהייט איז אָנצינדן ליכט וועט האָבן קינדער תלמידי־חכמים.

## .2

## עונג שבת

און צוליב דער קדושה פון טאָג שבת — האָט דער נביא אים אָנגערופן „עונג״, ד. ה. גייסטיקע פארגעניגן, ווייל די אויפגעקלערטע און גאָטספאָרכ־טיקע האָבן אין טאָג א גייסטיקן תענוג און זייער נשמה האָט א געדאַנקלעכע הנאָה.

## .3

## די מצוה פון שבת על פי דרך השכל

און על פי שכל וועגן דער מצוה פון שבת: ס׳איז באקאנט, אז די דאָ־זיקע חומר׳דיקע וועלט פירט זיך דורך ליכט און פינצטערניש, נאַכט און טאָג, כדי ניט צו פארמאַטערן מענטשן אין אייביקער מי, און דעריבער איז דער טאָג געגעבן פאַר אַרבעט, ווייל אין אים גייט דער מענטש אַרויס צו זיין מי און ארבעט ביזקל אָוונט, און די נאַכט איז פאר רו און שלאָף, ווייל מענטשן דארפן זיך אָפּרוען און זיי דארפן שלאָפן, וואָס ס׳איז א נאַטירלעכע זאַך ביי מענטשן, ווייל ס׳איז ניטאָ קיין קערפערליכער בעל־חי אויף דער וועלט וואָס זאָל ניט שלאָפן, מחמת אָן שלאָף קען ער קיין קיום ניט האָבן. און ווען די וועלט וואָלט זיך געפירט בלויז אין ליכטיקייט, וואָלט דעם מענ־טשנס מי געווען א שטענדיקע און די וועלט וואָלט קיין קיום ניט געקענט האָבן. אזוי איז די מצוה פון שבת — כדי ניט צו פארמאַטערן מענטשן דורך שטענדיקער מי דורך אלע טעג, נאָר זיי זאָלן האָבן איין רו־טאָג דורך דער וואָך, וואָס זיי זאָלן זיך אָפּרוען פון אלע ארבעטן און פון פיזישער מי און דערפון וועט א זיבעטל פון מענטשנס לעבן זיין אין רואיקייט און שטילקייט. און פארוואָס איז דאָס דער זיבעטער טאָג און ניט דער פינפטער אָדער דער זעקסטער? ווייל זיבן איז דער מיטלסטער אומקרייז און א סך מצוות פון דער תורה דרייען זיך ארום דעם ראָד פונ׳ם דאָזיקן צאָל. און הגם דעם שבת האָבן



יברכך ה׳ וישמרך

מ. אָפּנהיים



שבת אין בית המדרש ביים דאַווענען

איזידאָר קאַופמאַן

מיר בקבלה און די יסודות פון תורה און אמונה זיינען אויף אים געבויט — קען מען אָבער אויך גלויבן אין אים על פי דרך השכל.

.4

## דינען גאָט אינדערוואָכן און אום שבת

„זעקס טעג זאָלסטו ארבעטן און טאָן גאָר דייַן ארבעט" (שמות כ׳ ח׳). אלע זעקס טעג קען מען דינען גאָט ברוך הוא ווען דו טוסט דיין ארבעט, אזוי ווי די אבות, וואָס האָבן געדינט גאָט ווען זיי האָבן געארבעט ארום זייערע בהמות און אנדערע קערפּערלעכע ארבעטן. אָבער דער זיבעטער טאָג איז שבת, איז אין גאנצן צו גאָט דיין האַר, אין אים זאָלסטו כלל ניט טאָן קיין ארבעט. דאָס האָב איך געהערט אין נאָמען פון רמב"ם ז"ל.

.5

## „שמור" — פאַרן שבת און נאָכן שבת

„און איר זאָלט היטן דעם שבת". נאָכדעם ווי ער האָט דערמאָנט, מייַנע שבתים זאָלט איר היטן — האָט ער נאָכאמאָל איבערגעחזרט „און איר זאָלט היטן דעם שבת", כדי אָנצודייטן אויפן היטן פון נאָכן שבת און אויפן היטן פון ערב־שבת. דאָס היטן פון פארן שבת, ווען ס׳איז נאָך טאָג, און דאָס היטן פון נאָכן שבת, אז מ׳זאָל צוגעבן פון דער וואָך צום שבת.

.6

## שבת על פּי פּשט און על פּי קבלה

„צו מאַכן שבת" (שמות ל"א, ט"ז). על דרך הפּשט: צוצוגרייטן אַלץ וואָס מ׳באַדאַרף אויף שבת, פון לשון: „און ער האָט געאיילט אים צוצוגרייטן". (בראשית י"ח, ז׳) און דער מיין פון פסוק איז: א מענטש זאָל אָפּהיטן דעם כבוד פון שבת, זיך אָפּצוהיטן פון יעדער ארבעט, און זיך מיען אָנצוגרייטן אַלץ אויף שבת, כדי צו האָבן א פיינעם חלק אויף שבת. און דאָס איז וואָס דער נביא האָט געזאָגט: „און דו זאָלסט רופן שבת א תענוג", פון לשון „גע־רופענע", ס׳הייסט, זאָלסט אים איינלאַדן און זיך פאַרברענגען מיט אים, ווי א מענטש וואָס פארבעט צו זיך א גאסט. און על פּי קבלה: „מאַכן שבת" — דער וואָס היט אָפּ שבת אונטן, איז ווי ער וואָלט אים מאכן אויבן. און דער מיין איז: אז דער וואָס איז מקיים די מצוה פון שבת אויף דער ערד איז אן עדות, אז ער איז מודה און גלויבט אין דעם עיקר און יסוד וואָס איז איינגעקריצט אין הימל. און יענער וואָס איז מבטל שבת, איז ווי ער וואָלט מבטל געווען דעם אויבערשטן שבת, און דערפון איז די דערמאָנונג „צו מאכן". אייגנט־

לעך האָט דער פסוק באַדאַרפט זאָגן „צו היטן שבת" — נאָר זיין כוונה איז געווען אים צו פאַרגלייכן צום שבת של מעלה.

.7

## די נייקייט פון דער וועלט

„צווישן מיר און צווישן די קינדער פון ישראל איז דאָס א צייכן אויף אייביק". מ׳קען אויסטייטשן, אז דאָס וואָרט „אייביק", מיינט, אז שבת איז א צייכן און א סימן אויף דער נייקייט פון דער וועלט און דעריבער האָט ער ווייטער אויסגעטייטשט: ווי אזוי איז דאָס א סימן אויף דער נייקייט פון דער וועלט? אז זעקס טעג האָט גאָט באַשאַפן דעם הימל און די ערד.

.8

## אַנצינדן פייער איז כולל אין זיך אַלע אַרבעטן

און ער האָט אָנגעזאָגט פאַר אלע דורות: „איר זאָלט ניט אָנצינדן קיין פייער אין אַלע אייערע וואוינערטער אין טאָג פון שבת". ס׳איז, ווי ער וואָלט געזאָגט: איר זאָלט ניט טאָן קיין ארבעט אין אַלע אייערע וואוינערטער. און ער האָט כולל געווען אַלע ארבעטן אין דער ארבעט פון מאכן פייער, ווייל, ווי באקאנט, די מערסטע ארבעטן וואָס מענטשן טוען נעמען זיך דורך פייער, ווייל פייער איז זייער סבה און עיקר. און דעריבער האָבן אונזערע חכמים ז״ל, מתקן געווען אין דער הבדלה שבת־צו־נאַכט, וואָס דאָס איז די התחלה פון מעגן טאָן אן אַרבעט, צו מאכן א ברכה אויף פייער, „בורא מאורי האש", ווייל פייער איז דער אָנהייב פון דער ארבעט אין מעשה־בראשית, און אזוי ווי ס׳שטייט געשריבן ביים ערשטן טאָג: „זאָל זיין ליכט!".

## ר׳ יצחק עראמה

## פון „עקידת־יצחק"

.1

## דאָס כנסת־ישראל איז דער בן־זוג פון שבת

שבת האָט געזאָגט פאַר גאָט ברוך הוא: פאַר יעדן איינעם האָסטו צו־געפּאַסט א פּאָר און מיר האָסטו קיין בן־זוג ניט געגעבן. האָט ער צו אים געזאָגט: דאָס כנסת־ישראל וועט זיין דיר א פּאָר. דאָס איז וואָס ס׳שטייט געשריבן: „געדענק דעם טאָג פון שבת, אים צו האלטן הייליק". און דאָס איז, ווייל אלץ וואָס גאָט ברוך הוא האָט באַשאַפן אין זיין וועלט — האָט ער באַ־שאַפן זכר און נקבה; איך מיין צו זאָגן, ס׳זאָל זיין די סבה און מסובב, אָדער,

א באווירקער און באווירקטער. און ווייל דאָס רוען פון שבת איז די אָפּווע־זנהייט פון יעדער טאָט און בטול פון אלע מעשים — וועט אויסזען, אז דער גאנצער ענין פון דער וועזנטלעכקייט פון שבת איז זייער שוואך, ווייל דאָס רוען האָט ניט אין זיך עפּעס אזוינס פון כח וואָס קען באווירקט ווערן, שוין אָפּגערעדט פון א ווירקנדיקן כח, און דעריבער איז די טענה פון שבת געווען זייער א שטאַרקע, ווי ער וואָלט זיך געקלאָגט אויף דער שוואַכקייט פון זיין עקזיסטענץ און געזאָגט: צו אלע וואָס געפינען זיך אויף דער וועלט איז גע־געבן געוואָרן די ווירקזאמע קראפט צו מאכן עפּעס א שלימות׳דיקע זאך, אָדער, אויב ס׳איז א זאך וואָס קאָן באווירקט ווערן, אז זי זאָל די דאָזיקע באַווירקונג אַרויסברענגען אל הפועל, און מיר, ניט געענוג, וואָס דו האָסט מיך ניט באשאפן צו זיין א באווירקער — דו האָסט מיר אפילו קיין בן־זוג ניט געגעבן, וואָס זאָל עפּעס ארויסברענגען אל הפועל, און איך זיץ בטל איינער אליין. דער ענטפער, אז דאָס כנסת־ישראל וועט זיין דיין בן־זוג, ס׳הייסט, אויפן כנסת־ישראל ליגט דער חוב אויפצוהיטן דעם שבת און זיין רו, אז ס׳זאָל זיין ניט בלויז בטול און רו אליין, און ס׳זאָל אויך זיין אין דעם טאָט און וויר־קונג, ווי ער זאָגט בפירוש: „און די קינדער פון ישראל זאָלן היטן שבת צו מאכן שבת״ — אויך דאָס כנסת־ישראל וועט זיך איינשאפן פון דער דאָזיקער רו דאָס וואונדערלעכע וויסן, אז די וועלט איז באשאפן געוואָרן ניי, נאָכדעם, ווי זי איז כלל ניט געווען במציאות. דאָס איז וואָס ס׳שטייט געשריבן: „גע־דענק דעם טאָג שבת, אים צו האלטן הייליק״, ווען ער קומט אריין און דורכן המשך פון טאָג מיט תפלה, מיט תורה און מיט תענוג אין גאָט, ווייל דורך דעם געפינסטו, אז דער שבת האָט א בן־זוג, וואָס באווירקט אים.

.2

## געדענקען און היטן

פאָרוואָר, די נוצן וואָס זיי האָבן געהאַט בכוונה וועט קודם כל און הויפּטזעכלעך ארויסקומען אין דעם אָפּרו און שטילקייט, צו מאכן פּלאַץ פאר פארשטענדעניש און זיך פארטיפן אין דעם אמת פון זיין עקזיסטענץ און זיינע גרויסע מעשים — ווייל די גרעסטע פון זיינע מעשים איז די נייקייט פון דער וועלט און איר יש פון אַבסאָלוטן גאָרנישט. נאָר צווערשט און הויפּטזעכלעך האָבן זיי געהאט בכוונה מיט דעם בטול פון יעדער ארבעט, אז דורך דעם זאָלן דערמאָנט און געדענקט ווערן די גרויסע מורא׳דיקע זאכן וואָס ער האָט גע־טאָן, ווען ער האָט אונז ארויסגעפירט פון אונטער די שווערע לאַסטן פון די מצרים און זייער ארבעט. און ווייל דאָס וואָרט „היטן״ — זיך צו פארמיידן פון דעם, איז דעריבער — ווען די כוונה איז געווען צו געפינען רו און זעלי־קייט — דארף געזאָגט ווערן: „געדענק דעם טאָג פון שבת״, ווייל די כוונה

איז: געדענק צו רוען אין אים. און ווען די כוונה איז אויפן ביטול פון אַרבעט און זיך צוריקהאַלטן פון איר, דאַרף געזאָגט ווערן: „זאָלסט היטן דעם טאָג פון שבת", וואָס די כוונה איז, היט זיך ניט צו טאָן קיין שום אַרבעט. אין די ערשטע דברות שטייט „געדענק" ווייל אין זיי איז די כוונה געווען אין דער רו און זעליקייט, וואָס זייער נוצן איז צו דערקענען גאָט ברוך הוא און די אמונה אין דער נייקייט פון דער וועלט. און ער זאָגט: „אין זעקס טעג האָט גאָט באַשאַפן, אאַז"וו, און גערוט אויפן זיבעטן טאָג" און פאַרענדיקט: דעריבער האָט גאָט געבענטשט דעם זיבעטן טאָג און אים געהייליקט". ד. ה. ער האָט אים געבענטשט מיט מנוחה און אים געהייליקט צו באַגרייפן זיינע ווערק. אָבער אין די צווייטע דברות, וואָס די כוונה איז גאַר צוערשט און הויפּטזאַכלעך אויף בטול פון דער אַרבעט און זיך צוריקהאַלטן פון איר, ווי ס'ווערט דאָרט אויסגעדריקט: „און דו זאָלסט געדענקען, אַז אַ קנעכט ביסטו געווען אין לאַנד מצרים" וואָס דאָס ווערט נישט דערמאָנט אַזוי אין די ערשטע דברות, וואָס מיינט, אַז דער עיקר כוונה אין דעם איז דאָס, וואָס ער האָט צעשטערט און צעבראָכן דעם יאָך פון דער מצרישער שקלאַפעריי און זייער אַרבעט, דעריבער זאָגט ער: „זאָלסט היטן דעם טאָג פון שבת". דאָ איז די כוונה, היט זיך ניט צו טאָן אין אים קיין שום אַרבעט, ניט דורך דיר און ניט דורך קיין אַנדערן. די כוונה איז אַז יעדער מענטש זאָל אין דעם טאָג זיין בטל פון אַרבעט און דער קנעכט זאָל זיין פריי פון זיין האַר, אַ זכר צו דעם ווי איך האָב אייך אַרויסגעצויגען פון דער מצרישער קנעכטשאַפט. און וועגן דעם דאָזיקן בטול האָט ער געזאָגט: „דעריבער האָט גאָט דיין האַר דיר באַ־פוילן צו מאַכן דעם טאָג שבת", צו פאַרגרעסערן דאָס וואָס ער האָט געזאָגט אין די ערשטע דברות: „דעריבער האָט גאָט געבענטשט דעם טאָג שבת און אים געהייליקט".

## 3.

# שבת איז וואָגיק אַנטקעגן אַלע מצוות

ס'איז באַשטימט געוואָרן איין טאָג אין וואָך אין וועלכן צו רוען פון אַלע טעגליכע עסקים, וואָס איז אַ גוטע סבה, אַז דער המון־עם זאָל זיך צו־נויפקומען הערן תורה פון אַ רבין און אַז זיי זאָלן אַלע לערנען פסוק, משנה און תלמוד, ווי מיר געפינען פאַר דעם אַלעם אַ באַשטימטן מנהג אין אַלע יידישע קהילות. ווייל אויף דעם האָט מען שוין געזאָגט אין תלמוד ירושלמי: אַז שבתים און יום־טובים זיינען געגעבן געוואָרן צו יידן אויף צו לערנען תורה. און דאָס איז אַ צד פון דער נשמה־יתירה, וואָס די חכמים האָבן גע־זאָגט, וואָס אַ מענטש באַזיצט אום שבת. און דאָס איז די כוונה פון מדרש, אַז מיר קענען דרינגען פון תנ"ך, אַז שבת איז וויכטיק אַנטקעגן אַלע מצוות. פון חומש: „ביז וואַנען וועט איר ניט וועלן היטן מיינע געבאָטן און מיינע

לערנונגען? זעט, אז גאָט האָט אייך געגעבן דעם שבת״. (שמות ט״ז, כ״ח־כ״ט) פון די נביאים: „וואָס היט שבת, אים ניט צו פאַרשוועכן און היט זיין האַנט פון צו טאָן אַ שום בייז״. (ישעיה נ״ו, ב׳) פון כתובים, ווי ס׳שטייט געשריבן: „און אויפן בארג סיני האָסטו אַראָפּגענידערט און גערעדט צו זיי פון הימל און האָסט זיי געגעבן ריכטיקע געזעצן און אמתע לערנונגען, גוטע חוקים און געבאָט, און דיין הייליקן שבת האָסטו זיי געלאָזט וויסן״. (נחמיה ט׳ י״ג—יד) און דאָס איז וועגן דער גרויסער צוגרייטונג פון כלל־האומה און אַלע אירע כיתות, זיך צו פאַרנעמען מיט די געטלעכע ספרים, כדי די מענער, פרויען און קינדער זאָלן לערנען גאָט׳ס געבאָט און זיי פאָלגן — אַזוי געפינען מיר, אַז שבת איז וויכטיק אַנטקעגן אַלע אַנדערע מצוות, פון דעם צד וואָס ער דינט, אַז אידן זאָלן לערנען תורה.

### .4

## שבת איז דער קוואַל פון ברכה און קדושה

דער דאָזיקער גרויסער און הייליקער טאָג איז אַן אָנדייט און רמז אויף דער זיבעטער ספירה, וואָס ווערט אָנגערופן שבת און איז ווי א פּרוזדור צום אויבערשטן היכל, וואָס ווערט אָנגערופן שבת־הגדול. און לויט דעם קומט אויס, אז דער דאָזיקער שבת איז דער קוואַל פון אַלע ברכות און קדושות און פון אים באַקומען קדושה אַלע געהייליקטע יום־טובים. א גרויסן סימן דער־פאַר געפינען מיר אין דער תורה, וואָס זיי ווערן אַלע אָנגערופן מקרא קודש, ד. ה. א הייליקע צענויפרופונג. ווייל זיי זיינען גערופן פון אים און ווערן גע־הייליקט פון זיין הייליקייט. אָבער שבת וואָס באַדינט זיך ניט מיט קיין שום אַנדער הייליקייט אויסער זיין אייגענער, ווערט אין קיין שום פלאַץ ניט אָנגע־רופן אַ הייליקע צונויפרופונג. און צוליב דעם איז דער שבת באמת וויכטיק אַנטקעגן אַלע אַנדערע מצוות, ווייל דער שבת איז סוד פון מאָס, מיט וועלכער אַלע מצוות זיינען געגעבן געוואָרן צו די אידן. און דעריבער איז שבת די ערשטע פון אַלע מצוות, ווי די חכמים האָבן געזאָגט: שבת און די דינים זיינען געזאָגט געוואָרן אין מרה. (סנהדרין, נ״ו).

### .5

## דער אויבערשטער שבת

„ויקהל״. דער דאָזיקער הייליקער טאָג איז אַ גרויסער אָנדייט אויף דער אייביקער וועלט, וואָס איז אינגאַנצן שבת, און דאָס איז באמת דער שבת־הגדול. ווייל, ווי מיר האָבן געזאָגט, אז די זעקס ארבעט־טעג זיינען א זכר פאַר אַלע צייטן פון ענדערונג און באוועגונג, און דער טאָג שבת איז א זכר

פון רו, פאַרענדיקונג פון אַרבעט, אַזוי איז ער אויך אַן אָנדייט אויף דעם מענטשנס טעג, דורך וועלכע ער באַוועגט זיך צו מעשים וואָס פירן צו א צוועק, און דער זיבעטער טאָג איז דער טאָג פון רו, ווי אַ תכלית פאַר זיך. דאָס איז וואָס די איינשטעלער פון נוסח פון דאַוונען האָבן געזאָגט: „דו האָסט געהייליקט דעם זיבעטן טאָג דורך דיין נאָמען, דער ענדציל פון דער ארבעט פון הימל און ערד". ווייל דאָס רוען איז דער ענדציל פון אלץ. נון, דער ענדציל דאַרף באַטראַכט ווערן ווי איין טייל און אַלע פריערדיקע מעשים פאַר אַ צווייטן טייל, ווי גרויס אָדער ווי קליין יענע מעשים זיינען געווען, און דעריבער זיינען זיי גערעכט, ווען זיי זאָגן, אַז שבת איז וויכטיק אַנטקעגן אַלע אַנדערע מצוות. און אויף דעם האָבן די חכמים געהאַט בכוונה: וואָס נאָך האָט דער וועלט געפעלט? רו. איז געקומען שבת — איז געקומען רו. ווייל אָן אים — וואָלט דעם פּועל געפעלט שלימות און ענדציל, און דאָס איז די אמת׳דיקע רו, וואָס מיט איר ווערן פאַרפולקאָמט אלע אנדערע מעשים. און מכח דעם ענין האָט מען געזאָגט: גאָט ברוך הוא האָט געזאָגט צו משה׳ן: איך האָב א גוטע מתנה אין מיינע אוצרות און שבת איז איר נאָמען און איך וויל זי געבן צו די אידן, גיי און לאָז זיי וויסן. (שבת, י׳) און די כוונה איז: ווען ער וועט זיי לאָזן וויסן וועגן דער מצוה פון שבת און ער וועט זיי וואָרענען, און זיי וועלן דעם שבת אָננעמען — איז דאָס א ריכטיקער סימן, אז זיי וועלן אַרבן דעם העכסטן שבת, וואָס איז באַהאַלטן פאַר צדיקים... און ער זאָגט: אַז הגם היטן שבת איז אַנטפּלעקט פאַר אלעמען, אָבער דער שכר פון דער מצוה איז ניט אַנטפּלעקט. דערפון איז קלאָר, אז ס׳זיינען פאַרהאַן צוויי מינים שבת, איינער אַן אָפענער און איינער א באַהאַלטענער, און דער באַהאַלטענער ווערט געגעבן צו יענעם וואָס היט דעם אָפענעם. און אויף דעם האָבן די חכמים ז״ל געזאָגט: „ווען אידן וואָלטן אָפּגעהיט צוויי שבתים — וואָלטן זיי באַלד אויסגעלייזט געוואָרן". ווייל באמת, אויב זיי וואָלטן געדענקט דעם ערשטן שבת, וואָס באַשטעטיקט דאָס מציאות־השם, און דעם צווייטן שבת, וואָס איז מרמז, אז מ׳זאָל לערנען תורה, וואָלטן זיי באלד זוכה געווען צום דריטן שבת, וואָס דאָס איז די גאולה פון דער נשמה. און מ׳קען דעם דאָזיקן וואונדערלעכן ענין ניט משיג זיין, סיידן ווען דער מענטש וועט זיך איבערגעבן צו דעם מיט גרויס חשק. מיר נעמען דאָס דערפון וואָס ס׳שטייט איבעראל: „זעקס טעג זאָלסטו ארבעטן און טאָן גאָר דיין ארבעט און אויפן זיבעטן טאָג איז שבת", געגליכן צו דעם מאמר חז״ל: „ווער עס מיט זיך פון ערב־שבת וועט עסן אום שבת". טוט נאָר א קוק און זעט די וואונדער פון אונזער תורה, ווי זי האָט אָנגעזאָגט וועגן א סך שבתים („נאָר מיינע שבתים זאָלט איר היטן") און דאָס זיינען די דריי שבתים פון וועלכע מיר האָבן גערעדט.

## ר׳ יוסף אלבו

# פון ספר „העיקרים"

## וועלט-באַשאַף, מתן-תורה און שבת

א משל צו א מלך, וואָס האָט אויסגעבויט א מדינה, געגאַנגען און גענומען קנעכט און זיי באַפרייט און זיי באַזעצט אין איר, דערנאָך איז ער אהין געקומען ריידן מיט זיי, אז זיי זאָלן נעמען אויף זיך זיין עול-מלכות, און דאָס איז: „איך בין יהוה דיין גאָט", ס׳הייסט, איר דאַרפט נעמען אויף זיך מיין עול-מלכות, ווייל איך בין דער, וואָס האָט אייך אַרויסגעצויגען צו פרייהייט; און נאָכדעם זאָגט ער זיי אָן, זיי זאָלן ניט אוועקגעבן זיין הערשאַפט צו אַנדערע אויסער אים, און דאָס איז: „זאָלסט ניט האָבן קיין אַנדערע געטער פאַר מיין פּנים". און נאָכדעם, אַז זיי זאָלן זיך ניט נוהג זיין מיט אים קיין מנהג-בזיון, ווי למשל, שווערן פאַלש אין זיין נאָמען, און דאָס איז: „זאָלסט ניט אַרויסברענגען דעם נאָמען פון גאָט דיין גאָט צום פאַלשן"; און נאָכדעם איז ווערט צו באַשטימען א טאָג, ווי א זכר, ווען די מדינה איז געבויט געוואָרן, און זיי זאָלן דערמאָנען, ווי זיי זיינען אין איר געזעסן, אַז זיי זיינען געווען קנעכט און ער האָט זיי באַפרייט. און דערפאַר האָט ער זיי באַפוילן צו היטן דעם טאָג שבת, צו באַווייזן אויף דער נייקייט פון דער וועלט און פון יציאת מצרים, פון קנעכטשאַפט צו פרייהייט. און דאָס איז וואָס די חכמים האָבן געזאָגט: „שמור וזכור" זיינען געזאָגט געוואָרן אין איין דבור, וואָס מיינט, אַז דער שבת קומט ניט צו באַווייזן בלויז אויף דער עקזיסטענץ פון דעם פועל דעם באַנייער אליין, ווי ס׳ווערט דערמאָנט אין דבור „זכור" ווייל אפילו דער פילאָזאָף איז מודה אין דער עקזיסטענץ פון פועל. אָבער דער עיקר פון שבת קומט אונז צו לערנען אויף דער עקזיסטענץ פון פועל, וואָס האָלט אין שטענדיקן ווירקן מיט זיין רצון, און אפילו אויך נאָכן וועלט-באַשאַף, ווי דאָס ווערט דערמאָנט אין דבור „שמור" פון יציאת מצרים, וואָס פון דעם איז קענטיק, אַז גאָט ברוך הוא טוט זיין ווילן און פאַרלאַנג ניט בלויז אין דער צייט פון וועלט-באַשאַף, נאָר אפילו נאָכדעם גיט ער אַכטונג און ענדערט די נאַטור, זי זאָל פאָלגן זיין באַגער און ווילן אין יעדער צייט, ווי ער האָט געטאָן בשעת יציאת-מצרים, כדי אָפּצולייקענען די יעניקע, וואָס זאָגן: „ניטאָ קיין נייעס אונטער דער זון", און דעריבער האָבן זיי געזאָגט, אַז „זכור", וואָס ציינט אויף דער עקזיסטענץ פון פועל, און „שמור", וואָס באַווייזט אויף דער עקזיסטענץ פון פועל, וואָס ווירקט מיט אַ שטענדיקן ווילן, זיינען ביידע געזאָגט געוואָרן אין איין דבור, ס׳הייסט, אין דעם דבור וועגן דער מצוה פון שבת. לויט דער מיינונג פון די חכמים איז אין דער מצוה פון שבת פאַראַן נאָך אַן אַנדער כוונה, וואָס ווערט אַרויסגעזאָגט אין דער מסכתא שבת: אלע זיינען מודה אז שבת איז

געגעבן געוואָרן די תורה און דערפאַר גייען אַריין אין כלל פון דער מצוה פון שבת די דריי עיקרים פון גלויבן, וואָס שליסן איין די עקזיסטענץ פון פועל און השגחה, תורה מן השמים, און דער שבת זאָל אויך זיין א זכר פון יענעם טאָג, ווען דער מלך האָט זיך צו זיי אַנטפּלעקט אין דער מדינה און זיי האָבן אויף זיך גענומען זיין עול מלכות.

# דאָן יצחק אברבנאל

## פון זיין פירוש אויף דער תורה

### 1.

### שבת איז דער ענדציל פון מעשה־בראשית

„און גאָט האָט געבענטשט דעם זיבעטן טאָג און אים געהייליקט". וואָס פאַר אַ ברכה איז דאָס געווען און וואָס פאַר אַ פאַרהייליקונג? און רש"י האָט געגעבן זיין פירוש, אז דאָס גייט אויפן מן, אָבער דער רמב"ן האָט שוין וועגן דעם געשריבן, אז דער פירוש איז ניט ריכטיק, ווייל ווי קען געמאָלט זיין א ברכה אויף א זאַך, וואָס איז ערשט געקומען מיט צוויי טויזנט פיר הונ־דערט און אכט און פערציק יאָר שפּעטער? אויך קען מען ניט דערקלערן די דאָזיקע קדושה און ברכה, אַז דאָס גייט אויף יענע, וואָס היטן אָפּ שבת, ווי רב סעדיה גאון מיינט, ווייל דער פסוק רעדט וועגן שבת און ניט וועגן די שומרי שבת. און דער פירוש איז: אז אזוי ווי הימל און ערד זיינען געענדיקט געוואָרן און באקומען זייער ערשטע שלימות און ענדגילטיקן אויסזען אין די זעקס טעג, אָבער דער ענדגילטיקער תכלית פון אלץ וואָס ס'געפינט זיך אויף דער ערד איז צו ווירקן פון זיך אליין פאַרצווזעצן זייער מין לויט זיין טבע און גע־שטאַלט; אָבער דאָס האָבן די באַשאַפענע געגנשטאנדן ניט פארמאָגט אין די ערשטע זעקס טעג, נאָר די גראָזן און צמחים זיינען געשטאַנען אויפן זעלבן מצב, ווי אין דער צייט וואָס זיי זיינען באַשאַפן געוואָרן, ניט קענענדיק פאַר־זעצן זייער מין. נאָר אויפן זיבעטן טאָג האָבן זיי באקומען זייער שלימות און תכלית, ווייל דעמאָלט האָט יעדע זאַך אָנגעהויבן ווירקן פון זיך אליין, און וועגן דעם שטייט געזאָגט: „און גאָט האָט געענדיקט צום זיבעטן טאָג זיין ארבעט וואָס ער האָט געמאַכט". ד. ה. אז אויפן זיבעטן טאָג האָט דער ערשטער באַ־איינפלוסער, זאָל געבענטשט ווערן, אריינגעגעבן אין זיינע מעשים דעם ענד־גילטיקן תכלית צוליב וועלכן זיי זיינען באשאפן געוואָרן, וואָס מיינט, זיי זאָלן ווירקן פון זיך אַליין און אַרויסגעבן זריעה פאַרצווזעצן זייער מין. און די חכמים האָבן שוין לאַנג אַנטפּלעקט דעם אמת פון דעם וואָס כ'האָב דאָ דער־קלערט פון דעם דאָזיקן ענדציל מיט זייער תפלה פרייטיק אויף דער נאכט: „דו האָסט געהייליקט דעם זיבעטן טאָג פונוועגן דיין נאָמען, דער ענדציל פון

די מעשים פון הימל און ערד". און ווי אזוי קען שבת זיין דער ענדציל פון די הימלישע קערפערס, וואָס ווירקן דורך זייערע באוועגונגען, און דער ענדציל פון דער ערד, וואָס נעמט צו זייער השפעה און באוועגט זיך — אויב ניט אויף דעם וועג, ווי איך האָב דאָ דערקלערט? און דערפאַר, וואָס מיטן זיבעטן טאָג זיינען באהאַפטן צוויי מעלות — ערשטנס, וואָס דער וועלט־באשאף האָט אָנ־געהויבן פונקציאָנירן אויף א נאַטירלעכן אופן... און צווייטנס, וואָס די געט־לעכע ארבעט וואָס איז געווען אויסער דער נאַטור, איז צום סוף פון זעקסטן טאָג פאַרענדיקט געוואָרן, דעריבער זאָגט ער: „און גאָט האָט געבענטשט און אים געהייליקט". די ברכה איז באשטאַנען אין דעם, אז פון זיבעטן טאָג אָן און ווייטער, זאָלן אלע באשעפענישן ווירקן פון זיך אליין, לויט זייערע איינגע־שלאָסענע נאַטירלעכע אייגנשאפטן. און די פאַרהייליקונג, וואָס ער האָט פאַר־הייליקט אין רום און פּראַכט דעם זיבעטן טאָג, איז דערפאַר, וואָס מיט זיין אריינקומען איז פאַרענדיקט און פאַרפולקאָמט געוואָרן די ארבעט פון הימל און ערד. דער פאַרהייליקטער שבת קומט צו באווייזן אויף דער פאַרענדיקונג און שלימות פון דער ארבעט. און דאָס איז „און גאָט האָט פאַרענדיקט", ווייל דער ענין פון „ויקדש אותו" גייט אויף „וישבות ביום השביעי", מחמת די קדושה האָט אים אָפּגעשיידט אין שלימות און הייליקייט אָנצודייטן אויף דער פאַרענדיקונג פון דער געטלעכער ארבעט, וואָס איז געטאָן געוואָרן אין די זעקס טעג — און נאָכדעם קומט די רו און תענוג.

## .2

# מאַטעריעלער שבת און גייסטיגער שבת

„און גאָט האָט גערעדט צו משה'ן א. א. וו. מיינע שבתים זאָלט איר היטן". (ויקרא כ"ו, ב') ווייל גאָט ברוך הוא האָט אָנגעזאָגט צו מאכן דעם משכן און זיינע כלים, וואָס באווייזט אויף דער דבקות פון השם יתברך און זיין שכינה צו דער אומה, וואָלט מען געקענט מיינען, אז אָט דאָס ווערק איז וויכ־טיקער פון אַלע אַנדער'ע פעולות פון דער תורה און אַוודאי וויכטיקער פון רוען אום שבת, ווייל דאָס שלימות פון יעדער זאך איז אין זיין פעולה, און טאָמ איז שלימות'דיקער פון רו און רוען. אָבער צוליב דעם, וואָס יידן וועלן אָנהייבן טראַכטן, אז די ארבעט פון בויען דעם משכן זאָל דוחה זיין שבת, ווייל דאָס טאָן וועט מער עדות זאָגן אויף זייער גלויבן איידער דאָס רוען און אָפּוועזנ־הייט, און עקזיסטענץ איז א גרעסערער עדות. און דעריבער וועט א מענטש טראַכטן, אז דאָס בויען פון משכן וועט געענוג זיין עדות צו זאָגן, אז גאָט רוט צווישן אונז און אז ער איז דער בורא עולם. און צוליב דעם האָט גאָט ברוך־הוא געזאָגט צו משה'ן, אז ער זאָל זאָגן די יידן „נאָר מיינע שבתים זאָלן זיי היטן". נון, ער זאָגט מיינע שבתים אין לשון רבים, ווייל די מצוה פון שבת

באַוויזט ניט בלויז אויף דעם וועלט־באַשאַף און זיין נייקייט, נאָר אויך אז דער שבת וויזט אָן אויף דער גייסטיקער וועלט, וואָס דאָרטן איז די אמתע רו און נחלה, ווייל דאָרט איז די אמתע רואונג פון אלע ארבעטן און מאטעריעלע זאכן, און זי איז דער ענדציל פון אלע ארבעט און ניט די ארבעט. און דעריבער האָבן די חכמים זי אָנגערופן שבת־הגדול. היינט וויבאלד אזוי זיינען די אר־בעט טעג אַן אָנדייט אויף די מענטשלעכע מעשים אויף דער וועלט, וואָס פירן צום ענדציל, און דער זיבעטער טאָג איז אַן אָנדייט אויפן ענדציל. און דעריבער האָבן די חכמים מתקן געווען צו זאָגן אין דער שבת׳דיקער תפלה „אין דאָ־זיקן טאָג פון רו, און ניט געזאָגט „אין דאָזיקן טאָג פון שבת״, אָנצואווינקען אויף דער עכטער גייסטיקער רו וואָס ס׳איז דאָ אין שבת. האָבן מיר אלזאָ צוויי מינים שבת: איינער, א מאטעריעלער שבת, א זכר צו דער נייקייט פון דער וועלט און איר באשאף, און דער צווייטער, א גייסטיקער שבת, א זכר פון השארת־הנפש און איר תענוג נאָכן טויט; און אויףביידע האָבן די חכמים געזאָגט „און דו האָסט אים ניט געגעבן, גאָט אונזער האר, צו די פעלקער פון די לענדער״, אאז״וו. אַז פון דאָזיקן צד זאָל דער שבת זיין אין דער מדרגה פון אַן ענדציל — האָבן די חכמים געזאָגט, אז שבת איז וויכטיק אַנטקעגן אַלע אנדערע מצוות. און פון דער דאָזיקער בחינה זאָגט ער „מיינע שבתים״, אין לשון רבים, ווייל דאָס רוען אין זיבעטן טאָג באַווייזט אויפן ערשטן שבת נאָכן וועלט־באשאף און איז אַן עדות אויף דער נייקייט פון דער וועלט און באווייזט אויך אויף השארת־הנפש און איר מנוחה אין דער וועלט פון די נשמות — דעריבער שטייט „גאָט׳ס שבתים״. און דער פסוק דערקלערט די צוויי כוונות פון שבת און ער זאָגט וועגן ערשטן, אז דאָס איז דער זכר פון נייקייט פון דער וועלט, „ווייל דאָס איז א צייכן צווישן מיר און צווישן אייך״, וואָס מיינט, אז דאָס רוען אין זיבעטן טאָג זאָל זיין פאר זיי א צייכן און אַן עדות־זאָגן, אז גאָט האָט אין יענעם טאָג גערוט פון באשאפן דעם הימל און די ערד, און האָט געזאָגט „צווישן מיר און צווישן אייך״, דאָס מיינט, זיי זאָלן אויך טאָן ווי גאָט ברוך הוא האָט געטאָן, וואָס האָט גערוט אין זיבעטן טאָג. און ער דערקלערט, אז דער ענדציל פון דעם דאָזיקן „דערמאָנען און וויסן״ איז צו וויסן, אז איך, גאָט, בין דער וואָס מאכט אייך הייליק, דאָס מיינט, אז אין זכות פון דער דאָזי־קער מצוה, וועט איר זיין הייליק אין יענעם שבת וואָס קומט נאָכן טויט, ווייל דאָרט וועלן זיי פאַרהייליקט ווערן אין שבת פון דער נשמה, ווייל זיי האָבן אָפּ־געהיט אויף דער וועלט דעם שבת פון גוף. און זיי האָבן נאָך געזאָגט: „זעקס טעג זאָל געטאָן ווערן אַן ארבעט״ דאָס מיינט, צו וואָרענען, אז מיר זאָלן ניט פארבייטן די קדושה פון דעם דאָזיקן טאָג אויף אַן אנדער טאָג פון דער וואָך, ווייל יענע זעקס טעג זיינען צוגעפּאַסט פאר אַרבעט און ניט פאר רוען.

## ר׳ משה בר׳ יוסף (פון טראני)

# שבת איז באַנייט געוואָרן ביי מתן-תורה

און הגם די יידן האָבן אָפּגעהיט שבת אין מצרים, האָט מען דאָך גע־דארפט באפעלן וועגן דעם אין מרה אין די עשרת־הדברות, ווייל ניט אלע האָבן אים אָפּגעהיט, נאָר די רעכטפערטיקע צווישן זיי; און אויך ניט אין אלץ וואָס מען דארף זיין אָפּגעהיט אום שבת, נאָר אין די שווערע ארבעטן און דע־ריבער איז געזאָגט געוואָרן אין די עשרת־הדברות „געדענק דעם טאָג שבת, אים צו האלטן הייליק" (שמות כ׳ ח׳) ווייל ער איז געווען כמעט אינגאנצן פאר־געסן און מ׳האָט אים באדארפט דערמאָנען, און ניט, אז ס׳איז א נייע מצוה, וואָס מ׳האָט זי פריער ניט געטאָן, און דעריבער זאָגט ער, אים צו האלטן היי־ליק, מיט מערער הייליקייט, ווי דו האָסט אים געהאלטן פריער.

אָדער מ׳קען זאָגן, אז אין מצרים איז זיי געווען באוואוסט און דערמאָנט דער טאָג שבת, צוליב זייער שווערער ארבעט דורך די ארבעט־טעג, פון וועל־כער זיי פלעגן רוען אום שבת. אָבער איצט, אז זיי וועלן קיין ארבעט ניט האָבן אין מדבר — וועט פאַרגעסן ווערן די רו פון טאָג שבת, ווייל זיי רוען יעדן טאָג. און דעריבער זאָגט ער: „געדענק דעם טאָג שבת, אים צו האלטן הייליק", ווייל, דו זאָלסט געדענקען, אז דאָס וואָס דו רוסט אין אים איז צוליב זיין היי־ליקייט און ניט ווייל דו האָסט קיין ארבעט ניט צו טאָן, ווי אין די אנדערע טעג. און דעריבער דאַרפסטו אים געדענקען און אים הייליקן מיטן מויל, ווייל דורך דעם ווערט ער אָפּגעשיידט פון אַנדערע טעג אים צו הייליקן קודש־קדשים.

## ר׳ משה אלשיך

# פון זיין פירוש אויף דער תורה

.1

## שבת האָט געגעבן דער וועלט אַ נשמה

ווען גאָט האָט באשאפן די וועלט, איז זי געווען א חומר, ווי א גוף אָן א נשמה. און זי וואָלט געהאלטן אין איין פארלירן און וואָלט קיין קיום ניט גע־קאָנט האָבן. און ווער האָט אריינגעגעבן אין איר א נשמה און די שפע צו האָבן א קיום? דער טאָג שבת, ווייל אין אים איז אריינגעגאָסן געוואָרן די שפע פון קיום און פון רו, אז די וועלט זאָל ניט פאַרלירן. און דאָס איז וואָס שטייט: דער וועלט האָט געפעלט מנוחה, איז געקומען דער שבת און משפיע געווען א שפע פון קדושה אויף אַלץ, וואָס ס׳איז באַשאַפן, און די דאָזיקע שפע פאַר דער

וועלט איז געווען, ווי די נשמה אין דעם מענטשנ׳ס גוף, און דאָס איז וואָס שטייט: „שבת וינפש", אַז דער שבת האָט אַריינגעגעבן אַ נפש אין דער וועלט, זי אויפצוהאַלטן. און דאָס איז: „געקומען שבת — איז געקומען רו", ווייל אָן דעם וואָלט די וועלט ניט געהאַט קיין מנוחה און קיין קיום.

.2

## געדענק אָן שבת פון אָנהייב וואָך

געדענק אָן שבת פון אָנהויב וואָך אָן, אים צו האַלטן הייליק. משפיע צו זיין הייליקייט, צו זיין הייליקייט און שפע צו דעם שבת, וואָס קומט אויף דער וועלט. און דאָס וועט קומען דערפון, וואָס דו וועסט זיך הייליקן אינדער־וואָכן אין דער עבודה פון גאָט, וואָס זאָל זיין אַ הכנה צום שבת און דאָס מיינט: „זעקס טעג זאָלסטו דינען" — גאָט. אַז דו זאָלסט מאַכן דערפון אַן עיקר, ווי די אַרבעט פון אַ קנעכט און אגב אורחא „זאָלסט אויך טאָן (ווי אַן הוספה) גאָר דיין אַרבעט". און אין דיין דינען גאָט, זאָלסטו ניט מיינען, אַז דו האָסט אָפּגע־טאָן גאָר דיין אַרבעט, נאָר אין דיין אַרבעט, זאָלסטו האַלטן ביי זיך אַז דו האָסט זי שוין אינגאַנצן אָפּגעטאָן, און דורך דעם, וועסטו משפיע זיין קדושה אויפן טאָג, אַז ער וועט זיך מייחס זיין צו גאָט און דאָס איז „און דער זיבעטער טאָג איז שבת צו גאָט", ווי דער שבת וואָלט געמאַכט אַ פאַרבינדונג צווישן דיר און גאָט. ווי ס׳שטייט געזאָגט: „צווישן מיר און צווישן די קינדער פון ישראל". און טאָמער וועסטו זאָגן: אויב איך זע, אַז מיין אַרבעט איז ניט פאַרענדיקט — ווי אַזוי קען מיר קומען אויפן זינען, אַז איך האָב זי אָפּגעטאָן? אויף דעם זאָגט ער: ווייס, אַז הגם איך האָב די אַרבעט ניט אָפּגעטאָן אינגאַנצן, וועט דער זכות פון שבת זי פאַרענדיקן פון הימל.

.3

## שבת איז אינגאַנצן הייליק צו גאָט

זאָלסט געדענקען דעם טאָג שבת ניט בלויז צו רוען אין אים פון אַרבעט, נאָר אויך אים צו האַלטן הייליק, צוצוגעבן אין אים די קדושה פון דער תורה און איר סוד, ווייל אויב דו וועסט האָבן בלויז אין זינען צו רוען אַליין און ניט צו דינען גאָט, איז דאָך דאָס זעלבע ווי אינדערוואָכן, אַז זעקס טעג זאָלסטו בעצם דינען גאָט און אויך טאָן אַלע דיינע אַרבעטן; נאָר דאָס וואָס דו ביסט מוסיף אויף דער וואָך איז: אַז דער זיבעטער טאָג, וואָס איז שבת, זאָלסטו זיין אינ־גאַנצן הייליק צו גאָט, און זאָלסט ניט מיינען, אַז ס׳איז גענוג פאַר דיר בלויז צו רוען פון אַרבעט. ווייל מיט דעם אַליין, וואָס דו טוסט ניט קיין אַרבעט — זיינען דאָך אין דער בחינה אויך דיין קנעכט און דיין דינסט און דיין בהמה

גלייך מיט דיר. היינט וויבאַלד אַזוי, וואָס פאַרא שיינקייט קענסטו צוגעבן צום שבת, אויב ניט דאָס, וואָס דו ביזט איינגאַנצן הייליק צו גאָט ? נאָר מיט דעם קענסטו זיך פאַרגלייכן צו דיין באַשעפער, וואָס זיין רוען אין שבת־בראשית איז ניט געווען אין דער בחינה פון ניט טאָן קיין אַרבעט, נאָר פון רוען (וינח) וואָס ער האָט משפיע געווען אַ שפע פון רו און קדושה אויף דער וועלט.

**4.**

## שבת באַהעפט זיך דער מענטש צו זיין גאָט

גאָט ברוך הוא האָט אַזוי שטאַרק מחמיר געווען אויף אַרבעט אום שבת, אפילו מיט עפּעס וואָס איז גאָר קיין מלאכה ניט, ווי עפּעס וואָס אַרויסטראָגן פון איין רשות אין צווייטן. פאַרוואָס ? ווייל די יידישע נשמות קומען פון אונ־טער די פליגלען פון דער שכינה, פון קוואַל פון אחדות, וואָס ס'איז ניט אַזוי מיט אַנדערע פעלקער, און אין קיין אַנדער טאָג זעט זיך דאָס ניט אָן ביי יידן, ווי אין טאָג פון שבת, ווייל גאָט ברוך הוא שיקט אַרונטער אַ שפע פון קדושה צו יעדן איינציקן מענטשן לויטן שורש פון זיין נשמה, וואָס איז אונטער די פליגלען פון דער קדושה, און דורכדעם באַהעפט זיך דער מענטש צו זיין באַ־שעפער, ווייל די שכינה גיסט אויס אויף אים אַ גייסט פון אויבן, וואָס שיידט זיך מיט אים ניט פאַנאַנדער, דעריבער פאַרבינדן מיר זיך מיט אים יתברך און טיילן זיך אָפּ פון דער אויסערלעכער וועלט. און דעריבער, ווייל מיר פאַראייניקן זיך אין טאָג פון שבת מיטן מקור פון אונזערע נשמות און דערווייטערן זיך פון פּירוד זיינען מיר דערפאַר באַפוילן געוואָרן ניט אַרויסצוטראָגן פון רשות־היחיד, וואָס איז אַ רמז אויפן רשות מיט וועלכן מיר זיינען באַהאָפטן, אין רשות־הרבים, אַ רמז צו דער וועלט פון פּירוד, וואָס פון דאָרטן שטאַמען אַלע אַנדערע אומות... דעריבער דאַרפן מיר זיך פרייען מיט גאָט ברוך הוא און זיך צערטלען אין זיין ליבע. פאַרקערט איז אָבער מיט די יעניקע, וואָס פאַרלאָזן גאָט'ס גע־באָטן, וואָס דערפרייען די הערצער, צו גיין נאָך די הבלים פון דער צייט, וואָס זיינען פינצטער און ניט ליכטיק.

## ר' אליהו דע ווידאַש

## פון „ראשית חכמה"

### שבת איז דער שורש פון קדושה

שבת איז דער שורש פון אַלע קדושות, און דאָס איז וואָס די תורה האָט באַפוילן: „הייליק זאָלט איר זיין, ווייל איך בין הייליק" — אַנצוזאָגן, אַז מיר זאָלן זיך הייליקן און ציען אויף זיך דורך די זעקס אַרבעטס־טעג פון ליכטיקייט פון דער קדושה פון שבת, ווייל שבת איז דער מיטלפּונקט פון צענטער, וואָס

אַרום אים דרייט זיך דער עגול פון די זעקס טעג; און ער ווערט אַנגערופן דער מיטלפונקט, ווייל יעדער פונקט האָט זיינע זעקס קדושות און דעריבער איז אַ מצוה צו ציילן די טעג אויפן נאָמען פון שבת: דער ערשטער טאָג, דער צווייטער טאָג, און דעריבער האָט מען געזאָגט, אַז דער וואָס געפינט זיך אין וועג אין אַ מדבר און ווייס ניט וועלכער טאָג ס'איז שבת — דאַרף ער ציילן זעקס טעג פון יענעם טאָג, וואָס ס'איז אים געקומען אויפן זינען, אַז ער האָט פאַרגעסן און האַלטן הייליק דעם זיבעטן טאָג, ווייל ער מעג מאַכן קידוש און הבדלה אין יענעם טאָג ווי אין שבת, הגם אין דער אמת'ן איז דאָס ניט שבת, ווייל אין יעדן טאָג איז פאַראַן אַ מקצת שבת, דעריבער טאָר ער יעדן טאָג ניט טאָן מערער אַרבעט וויפיל ער דאַרף האָבן פאַר זיין אויסקומעניש, ווייל יעדער טאָג און טאָג איז אַ ספק־שבת און אויף דעם האָבן די חכמים געזאָגט: די שכינה טוט זיך קיינמאָל ניט אָפּ פון די יידן, אפילו אין די וואָכעדיקע שבתים.

## מהר"ל פון פראג

# פון „גבורות ה'"

.1

### שבת איז די פאַרגאַנצונג פון באַשאַף

גאָט ברוך הוא האָט באַשאַפן זיין וועלט אין זיבן טעג און אָנגעזאָגט צו געדענקען דעם טאָג שבת, דערפאַר, ווייל דער שבת איז די פאַרגאַנצונג פון באַשאַף און אַלץ קערט זיך צו שלימות, וואָס דאָס איז דער עיקר, און דעריבער ווענדן זיך אַלע זעקס אַרבעטס־טעג צום שבת, וואָס ער איז די פאַרגאַנצונג פון באַשאַף. צוליב דעם דאַרף מען געדענקען אָן שבת דורך אַלע טעג פון דער וואָך, כדי אַלץ זאָל זיך ווענדן צו דער שלימות פון וועלט־באַשאַף.

.2

### דאָס פאָלק האָט זוכה געווען צום שבת, דערפאַר וואָס ס'איז אַליין אַ בעל־שלימות

יידן, דערפאַר וואָס זיי זיינען בעלי־שלימות, האָבן א שבת, ווייל דער שבת באַווייזט אויף שלימות. חומריות אַליין איז ניט קיין בעל־השלמה, בלויז דאָס וואָס קען אָפּגעטיילט ווערן פון גשמיות קען האָבן שלימות, און דעריבער: „און דו זאָלסט געדענקען, אַז אַ קנעכט ביסטו געווען אין לאַנד מצרים. און גאָט האָט דיך אַרויסגעצויגן אַאַז"ו" מיינט, אַז גאָט האָט דיך אַוועקגענומען פון קנעכטשאַפט, ווייל, קנעכטשאפט איז אַ מאַטעריעלע פאַרמינדערונג און דאָס

איז א ניט שלימות׳דיקע עקזיסטענץ, און ווען גאָט האָט דיך אַוועקגענומען פון קנעכטשאַפט — באַווייזט עס, אַז ביי יידן איז פאַראַן די מעלה פון השלמה, דע־ריבער האָט ער אייך געגעבן דעם שבת.

.3

## מזמור שיר ליום השבת

„באַלוינונג קומט צום סוף פון אַן אַרבעט און דאָס האָבן אויך די חכמים ז״ל געזאָגט: באַלוינונג ווערט אָפּגעצאָלט צום סוף פון אַן אַרבעט, און ווי עס ווערט באַוויזן שפּראַכלעך: תשלומים (באַלוינונג) פון לשון שלם (פולקאָם) ווייל אויף אַ האַלבע אַרבעט איז דאָך ניט שייך שלימות, און דעריבער, ווען אַ מענטש זוכט זיין שכר אויף דער וועלט, איז ווי ער וואָלט זוכן, אַז זיין סוף זאָל זיין אויף דער וועלט... און אויף דעם האָט דוד המלך ע״ה באַגרינדעט דעם „מזמור שיר ליום השבת" (תהלים צ״ב) און מיר געפינען ניט אין גאַנצן מזמור, אַז ס׳זאָל דערמאָנט ווערן דער טאָג שבת, נאָר ווייל דער שבת האָט פאַרגאַנצט די ש״י עולמות, און ווייל ס׳זיינען פאַראַן אַנדערע וואָס זאָגן, אַז ס׳זיינען דאָ זאַכן אויף דער וועלט וואָס האָבן חסרונות, און בפרט, פאַראַן אַ צדיק ווען ס׳איז שלעכט און אַ רשע ווען ס׳איז גוט, און דאָס ווערט באַטראַכט ווי אַ חסרון, און אויף דעם האָט ער געזאָגט „מזמור שיר ליום השבת, ס׳איז גוט צו לויבן גאָט", ווייל מ׳דאַרף לויבן גאָט פאַר דער שלימות פון וועלט־באַשאַף. און ווייל די דאָזיקע השלמה איז דאָך בלויז פון עולם־הבא, וואָס דורך אים וועט אַלץ קריגן אַ השלמה, דעריבער האָט ער געזאָגט: „מזמור שיר ליום השבת" און רש״י ז״ל האָט מפרש געווען: „צום טאָג וואָס איז אינגאַנצן שבת און רו ביי דעם וואָס לעבט אייביק", הגם וואָס מ׳זעט עפּעס אויף דער וועלט וואָס האָט אַ חסרון, אָבער אין דער קומענדיקער וועלט וועט אַלץ באַקומען השלמה. און שבת — נאָכדעם ווי ער האָט אַלץ באַשאַפן אין די ששת ימי בראשית האָט ער פאַרפולקאָמט דעם באַשאַף אין טאָג פון שבת, דעריבער האָט ער געזאָגט — מזמור שיר ליום השבת.

# ר׳ אליהו גאון פון ווילנע (גר״א)

.1

## עונג־שבת

אָפּצוגעבן תענוג דעם שבת מיט עסן און מיט טרינקען, און אים אָפּגעבן כבוד מיט אַ ריין קלייד, און אַז דעם מענטשנ׳ס כוונה זאָל זיין לשם שבת, און נישט לשם זיין אייגענער הנאה. און אַזוי זאָגט ער: „דער וואָס גיט דעם שבת אָפּ תענוג". און אַזוי שטייט אין דאַווענען: „די וואָס געבן אים תענוג וועלן תמיד אַרבן כבוד".

.2

## מיטן אַריינקומען פון שבת דאַרף מען אויפהערן טראַכטן פון וואָכעדיקער אַרבעט

„און גאָט האָט געענדיקט אויפן זיבעטן טאָג זיין אַרבעט, וואָס ער האָט געטאָן און גערוט אין זיבעטן טאָג" (בראשית ב' ב'). דער אונטערשייד צווישן ענדיקן און רוען, איז דער, וואָס רוען באַווייזט אויף דער אָפּוועזנהייט פון אַר־בעט און איבעררייס אינמיטן פון דער אַרבעט, און פאַרענדיקן גייט אויפן סוף פון דער אַרבעט, דאָס איז איין רגע נאָכן פאַרענדיקן די אַרבעט, ווייל דער סוף פון דער אַרבעט איז קענטיק בלויז נאָכדעם, ווען ס'איז שוין מער ניטאָ וואָס צו טאָן, דעריבער מוז מען געצוואונגען זיין צו זאָגן: „און ער האָט געענ־דיקט... און ער האָט גערוט". ווען ס'וואָלט געשטאַנען בלויז „ויכל", וואָלט איך געזאָגט, אַז ער האָט געענדיקט די פריער־דערמאָנטע אַרבעטן און נאָכ־דעם האָט ער אָנגעהויבן אַן אַנדער אַרבעט, דעריבער שטייט „וישבות", וואָס באַווייזט אויף אָפּוועזנהייט פון אַרבעט און איבעררייס אין מיטן פון דער אַרבעט. דעריבער זיינען מיר אָנגעזאָגט געוואָרן אויף אייביקע דורות, אַז ווען עס קומט שבת, איבערצורייסן יעדער אַרבעט אינמיטן און ניט צו טראַכטן פון וואָכעדיקער אַרבעט, וואָס צו טאָן ווייטער.

(סדור הגר"א)

## ר' שניאור זלמן לאַדיער

## דער אונטערשייד צווישן בית־שמאי און בית־הלל

„זאָלסט געדענקען דעם טאָג פון שבת" — האָבן די בית־שמאי גע־דרשנט: דו זאָלסט אים געדענקען פון ערשטן טאָג אין וואָך, אויב דיר האָט זיך געמאַכט אַ געשמאַקער ביסן אים איינצוהאַלטן אויף שבת. און מ'דערציילט אויף שמאי הזקן, אַז אַלע זיינע יאָרן האָט ער געגעסן לכבוד שבת. וואָס הייסט? ס'האָט זיך אים געמאַכט אַ פיינע בהמה — האָט ער זי אָפּגעקויפט און געזאָגט: דאָס וועט זיין אויף שבת, האָט ער נאָכדעם געפונען אַ בעסערע, האָט ער זי אָפּגעקויפט און געהאַלטן אויף שבת און געגעסן די ערשטע אינדערוואָכן, הייסט עס, אַז ער עסט די ערשטע בהמה, כדי די בעסערע זאָל געגעסן ווערן שבת. אָבער הלל הזקן האָט געהאַט אַן אַנדער מידה: ער פלעגט זאָגן: געלויבט איז גאָט דורך יעדן טאָג און טאָג, און ער וועט אונז געבן אַלע אונזערע באַ־דערפעניש. און אויך הלל איז מודה אַז ס'איז ריכטיקער צו טאָן ווי די בית־שמאי זאָגן, נאָר ער פאַרלאָזט זיך אויף גאָט, אַז אודאי וועט ער אים צושיקן אויף שבת אַ בעסערן ביסן, ווי אינדערוואָכן.

## ר׳ משה חיים לוצאַטו (פּאָעט און מקובל)

### .1

## דאָס אָפּהיטן פון צוויי שבתים

„נאָר מיינע שבתים זאָלט איר היטן״ — ער זאָגט שבתים, דאָס איז אַ רמז אויף דעם, וואָס די חכמים האָבן געזאָגט, אַז ווען יידן וואָלטן אָפּגעהיט צוויי שבתים — וואָלטן זיי תיכף אויסגעלייזט געוואָרן. דער גלות ציט זיך דערפאַר, ווייל יידן האָבן זיך דערווייטערט פון זייער שורש, און מיטן אָפּהיטן פון צוויי שבתים, ווי ס׳געהער צו זיין, וואָלטן זיי זיך צוריק פאַרבונדן מיט זייער שורש, ווי ס׳דאַרף צו זיין, און דורך דעם וואָלטן זיי אויסגעלייזט געוואָרן.

### .2

## שבת אַנטפּלעקט זיך דאָס ליכט פון חכמה

„זאָלסט היטן דעם טאָג שבת, אים צו האַלטן הייליק״ — אין טאָג פון שבת אַנטפּלעקט זיך דאָס ליכט פון חכמה און דעריבער דאַרף מען היטן שבת, אים צו הייליקן און ממשיך צו זיין דאָס אויבערשטע הייליקע ליכט, וואָס איז די חכמה. „ווי ער האָט צו דיר באַפוילן״, האָבן די חכמים ז״ל געזאָגט: ווי ער האָט דיר באַפוילן אין מרה. און פאַרוואָס זיינען זיי אָנגעזאָגט געוואָרן אין מרה וועגן שבת? די יידן האָבן באַדאַרפט מקבל זיין די תורה — האָט גאָט ברוך הוא פריער געוואָלט הייליקן די יידישע נשמות און זיי מכין זיין, אַז זיי זאָלן ווערט זיין זי אויפצונעמען. ניט פאַראַן אַ זאַך, וואָס מאַכט יידן הייליק ווי דער שבת. און דאָס איז דער סוד פון „מקדש השבת וישראל״, און דאָס געבן פון שבת פאַר מתן־תורה איז געווען אַ צוגרייטונג מקבל צו זיין די תורה.

## ר׳ יעקב המגיד (דער דובנער מגיד)

## שבתים און יום־טובים זיינען געגעבן געוואָרן צו פאַרבעסערן דעם מענטשנ׳ס מידות

גאָט ברוך הוא האָט אונז געגעבן די שבתים און יום־טובים צו פאַרפול־קאָמען אונזערע גוטע מעשים און זיך אויפצוהויבן צו אַ שענערן מצב אין טאָג פון יום־טוב. און אויף דעם באַווייזט דער פסוק: „די יום־טובים פון גאָט, וואָס איר זאָלט זיי אויסרופן פאַר הייליקע צענויפרופונגען — דאָס זיינען מיינע יום־טובים״. (ויקרא כ״ג, ב׳) ס׳הייסט: זאָלסט ניט מיינען, אַז די יום־טובים זיינען דערפאַר בלויז כדי דער גוף זאָל הנאה האָבן אַן אַ טעם, נאָר פאַרקערט:

גאָט ברוך הוא וויל אַרויסקריגן פון דיר מער עבודה און שלימות און קדושה, ווי מען קען אַרויסקריגן פון דיר אינדערוואָכן. און דאָס איז וואָס מיינט: דאָס זיינען גאָט'ס יום־טובים, ווארן אויב ניט אַזוי האָט באַדאַרפט שטיין: „דאָס זיי־נען דיינע יום־טובים". און דאָס איז וואָס ס'שטייט, „זאָלסט געדענקען דעם טאָג שבת, אים צו האַלטן הייליק". ס'הייסט, געדענקען די פריערדיקע צייט און הייליק צו האלטן דעם טאָג שבת לויט זיין קדושה, וואָס ער האָט געהאט ביי מתן־תורה, אים צו האלטן הייליק מיט תורה ועבודה און יראת שמים. און דאָס איז, וואָס ס'שטייט געזאָגט: „היט דעם טאָג שבת, אים צו האלטן הייליק, אַזוי ווי גאָט דיין גאָט האָט דיר באַפוילן" (דברים ה' י"ב) דאָס מיינט, דו באַ־דאַרפסט היטן שבת אין דער אייגענער בחינה, ווי ער האָט דיר אָנגעזאָגט אין טאָג פון מתן־תורה. און דעריבער, ווען גאָט ברוך הוא האָט געזען, אַז מ'גיט זיך אָפּ שבת מיט נארישקייטן, האָט ער געזאָגט: „און איך וועל פאַרשטערן איר גאַנצע פרייד, איר יום־טוב, איר ראש־חודש און איר שבת". און מיר'ן געבן צו פארשטיין דעם ענין דורך אַ משל: איינער, אַ גרויסער עושר, האָט געהאט א סך קינדער און זיי זיינען ניט דאָ געדאַכט אַלע געווען חולים. האָט ער אַריינגענומען אַ רופא ביי זיך אין הויז און ער האָט דעם רופא זייער ליב געהאט, נאָר דאָס איז אַלץ געווען, ווען די קינדער האָבן איינגענומען די רפואות. איינמאָל זיינען זיי געוואָרן מסוכן קראַנק און דער רופא האָט זיי געוואָלט געבן רפואות, אָבער זיי האָבן ניט געוואָלט נעמען, און דער פאָטער האָט אַ קוק גע־טאָן אויפן רופא מיט אַ צאָרנדיק פנים. „וואָס האָסטו צו מיר?" — האָט דער רופא געפרעגט. „דורך דיר — האָט דער טאַטע געענטפערט — איז מיין צער פאַרטאָפּלט, ווייל ווען איך האָב פאַר זיי קיין רופא ניט וואָלט איך זיי אַרויסגע־נומען פון הארצן, אָבער איצט, ווען איך זע אַזאַ קלוגן רופא ווי דו, וואָס דורך אַביסל רפואות דיינע וואָלטן זיי געקענט געזונט ווערן, טוט מיר זייער וויי דאָס האַרץ". דער נמשל איז: גאָט ברוך הוא האָט אונז געגעבן שבתים און יום־טובים, כדי צו היילן אונדזערע נשמות פון די אַלע חטאים וואָס קלעפּן זיך צו צו אונז אין די וואָכעדיקע טעג דורך פאַרשיידענע עסקים, און ווען ער זעט, אַז זיי ווילן ניט איינעמען קיין רפואות האָט ער טענות און זאָגט: „אייערע ראש־חודש'ן און אייערע יום־טובים האָט פיינט מיין זעל; זיי זיינען מיר צו לאַסט געוואָרן, איך קען זיי ניט פאַרטראָגן". (ישעיה א', י"ד) ס'הייסט, ניט אַז די טעג גופא זיינען מיר צו לאַסט, נאָר בלויז אַז דורך יענע טעג, וואָס זיינען עלול צו היילן זייער בראָך און זיי ווילן ניט נעמען קיין רפואות, — זיי זיינען מיר צו לאַסט און איך קען זיי ניט פאַרטראָגן.

ר׳ חיים טשערנאָוויץ

# פון „סדור של שבת״

## .1

## די שבת-ליכט פאַרטרייבן דעם טרויער פון אונזערע הייזער

אַלץ וואָס מיר דאַרפן טאָן צו קריגן התעוררות פון הימל, ווערט דאָס אַנדערש ניט געקראָגן סיידן דורך דבור און מעשה לויט דער כוונה פון הארצן. דעריבער, ווען מיר ווילן קריגן התעוררות, אַז די סוכת־שלום זאָל אויסגע־שפרייט ווערן איבער אונז — האָבן די חכמים דערפאַר מתקן געווען וואָס צו זאָגן און וואָס צו טאָן. דאָס וואָרט איז וואָס מיר זאָגן אין דאַוונען „ופרוס עלינו״ און דאָס טאָן איז אָנצינדן די שבת־ליכט. דורך דער מצוה פון צינדן ליכט ווערט אָנגעצונדן אַ גרויס ליכט אין הימל. און דאָס אייגענע אויף דער ערד, דורך גאָט׳ס פרידן. דורך זייער ליכט ווערן פון אונזער הויז פאַרטריבן דאָס שלעכטס, דער טרויער און די דאגות פון די וואָכעדיקע טעג. ווייל די טבע פון שלעכטס איז צו רוען אין אַ פלאַץ פון עצבות, להיפך פון קדושה, אויף וועלכער עס שטייט: „שטאַרקייט און פרייד אין זיין פּאַלאַץ״. און ווען זיי לויכטן באַ־לייכטן זיי דאָס הויז מיט אַ ליכט פון שמחה, פרייד פון שבת און שטילקייט און שלוה אין אונזערע הייזער, און ס׳ווערן אויסגעראָמט פון זיי קריג און צאַנקעריי און פייער פון מחלוקת. און דאָס אָנצינדן פייער פון דער מצוה פון ליכט־בענטשן, ווערט אַ פייער וואָס פאַרצערט דעם פייער פון יצר־הרע און כעס.

## .2

## „אַ גוטער און געבענטשטער שבת!״

און צוליב דעם שלום, וואָס איז אָנגעדייט אין די ליכט, זאָל אַ מענטש אַריינקומען נאָכן דאַוונען אין זיין הויז און זאָגן: „גוט־שבת!״ דאָס איז כדי מקבל צו זיין די מצוה פון ליכט און צו דערמאָנען דורך דעם שלום פון הויז צו דעם הויזגעזינט. און ווי שיין און פיין דאָס איז, אַז יעדער מענטש זאָל אַזוי זאָגן, און דערפון נעמט זיך אויך, וואָס מ׳היבט באַלד אָן, תיכף ווי מ׳גייט אריין אין הויז, צו זאָגן „שלום עליכם״, ווייל עס אַנטהאַלט אויך דעם שלום וואָס ווערט איצט געמאַכט דורך די ליכט.

.3

# די שבת׳דיקע סעודה האָט אין זיך רוחניות

זיי וויסן, אַז דאָס עסן אום שבת איז אינגאַנצן רוחניות, אינגאַנצן הייליק... און אויף דעם איז פאַראַן א אַנדייט אין פסוק: „און אויפן זיבעטן טאָג זאָל פאַר אייך זיין הייליק". און דער פירוש איז: אַז אויפן זיבעטן טאָג איז אפילו דער פ אַ ר א י י ך (לכם), וואָס דאָס איז עסן און טרינקען, דאָס גשמיות אויך הייליק, און דעריבער דאַרף דער מענטש נוהג זיין גרויס שמחה אין שבת, ניט אַרויסווייזן אין אים קיין שום עצבות און דאגות, נאָר האָבן תענוג אין גאָט און הנאה האָבן פון שבת מיט כל המינים תענוג, הן מיט עסן און טרינקען און הן מיט שיינע מלבושים, אַלץ לויט זיינע כחות. ווייל ס׳איז באוואוסט, אַז איטלעך מאכל וואָס אַ מענטש עסט איז דורך דער השגחה פרטית פון בורא־עולם, אז דוקא אָט דער מאכל זאָל אריינפאַלן דוקא צו יענעם מענטשן, ווייל דאָס געהערט צום שורש פון יענעמס נשמה. דאָס מיינט, אַז דאָס גייסטיקע חיות פון יענעם מאכל איז פון יענעם מענטשנ׳ס שורש־נשמה, אויפן שטייגער פון „הונגעריקע און דאָרשטיקע, זייער זעל איז אין זיי פאַר׳חלש׳ט". אויף דעם פסוק האָט דער בעל־שם־טוב געזאָגט: דעם מענטשן דוכט זיך, אַז ער איז הונגעריק פאַר דעם ברויט און דאָרשטיק נאָך וואַסער און דעריבער וויל ער עסן, און דער אמת איז, אַז „זייער זעל איז אין זיי פאַרחלש׳ט", ס׳הייסט, די נשמה פון יענעם מענטשן איז פאַרטאָן און פאַרזונקען אין יענעם מאכל, און דעריבער גלוסט זיך אים דאָס אויפצועסן, כדי מתקן צו זיין זיין נשמה דורכן דאָזיקן עסן און טרינקען. פון דעם קומט אויס, אז די שבת־ליכט צינדן זיך אויך אָן אין די אויבערשטע וועלטן און אַ ליכט באַלייכט אויך די נשמה פון מענטשן אויף דער ערד, ווייל הגם ער געפינט זיך אויף דער ערד — איז אָבער זיין קאָפּ אין הימל און ער איז פאַרבונדן און באַהאַפטן פון אונטן ביז אויבן. ממילא דערשיינט דאָס דאָזיקע ליכט און באַשטראַלט און דערגרייכט צו אַלץ וואָס איז שייך צו דעם שורש פון זיין נשמה, און אויך דאָס הייליקע חיות פון דעם עסן, וואָס האָט מיט אים אַ שייכות, דערשפּירט דאָס ליכט פון ברכה.

## ר׳ לוי יצחק בערדיטשעווער

.1

# גאָט ברוך הוא האָט תענוג פון דער שמחה פון שבת

ס׳איז קלאָר פאַר יעדן פאַרשטענדיקן מענטשן, אַז דער שבת אין אַן אָנרעגונג פאַר מענטשלעכע הערצער צו וויסן, אַז גאָט ברוך הוא איז דער באַנייער פון דער וועלט און אין יעדער צייט, אין יעדער שעה און אין יעדער רגע טוט ער באַנייען זיין וועלט, כדי גוטס צו טאָן מיט זיינע ברואים און משפיע

צו זיין זיין גוטסקייט אין אַלע וועלטן. דעריבער איז אים געקומען אויפן רצון צו באַשאַפן די וועלט, כדי ער זאָל גוטס טאָן מיט זיינע באַשאַפענע, און אויב, חס־ושלום, עס רוט אַ צער אויף זיי, דערגרייכט דער צער כביכול אויבן און פאַרקערט, ווען זיי האָבן תענוג האָט ער אויך כביכול תענוג פון אונדזער שמחה.

### 2.

## די רו פון שבת

„מיינע שבתים זאָלט איר היטן״ — יידן זאָלן רוען שבת, ניט כדי זיך אָפצורוען פון דער אַרבעט, נאָר מחמת גאָט ברוך הוא האָט באַפוילן שבת צו רוען. און דאָס איז וואָס שטייט: „און די ערד זאָל רוען אַ שבת צו גאָט״. ווייל דער דרך־העולם איז צו אַקערן איין יאָר און צו לאָזן פוסטעווען צום צווייטן יאָר, כדי ס׳זאָל וואַקסן גוט. און אויף דעם קומט דער מאמר פון גאָט ברוך הוא „און די ערד זאָל רוען אַ שבת צו גאָט״, אַז אין יאָר פון שמיטה זאָל די ערד רוען, ניט אַז דאָס רוען זאָל קומען דערפאַר, כדי צו פאַרבעסערן דעם באָדן — נאָר „אַ שבת צו גאָט״, מחמת דעם אָנזאָג פון השם יתברך.

## נפתלי הערץ ווייזל

## ווען גאָט האָט פאַרענדיקט מאַכן די וועלט — האָט ער געמאַכט רוען אין איר די שכינה

און ווען גאָט האָט באַשאַפן זיין וועלט אין די זעקס טעג — זיינען יענע טעג אַנדערש פון אַלע אַנדער׳ע טעג אויף ד׳ער וועלט, וואָס זיינען געקומען נאָך זיי, ווייל זינט דעמאָלט אָן איז קיין זאַך ניט באַשאַפן געוואָרן, און ווי ס׳איז געזאָגט: „ניטאָ קיין נייעס אונטער דער זון״. (קהלת א׳ ט׳) אָבער דער זיבעטער טאָג — מיט וואָס טיילט ער זיך אָפּ פון אַלע אַנדערע טעג? ווייל זינט דעמאָלט און ביז היינט האַלט ער אין רוען. דעריבער שרייבט ער: „און גאָט האָט געענדיקט צום זיבעטן טאָג זיין אַרבעט וואָס ער האָט געמאַכט״, ס׳הייסט, אַז אין יענעם טאָג איז אָפּגעטאָן געוואָרן זייער אַ טייערע זאַך, וואָס גאָט האָט געענדיקט זיין אַרבעט: און די דאָזיקע זאַך קען מען בעסער פאַרשטיין דורך אַ משל: אַמאָל האָט אַ מלך איבערגעבויט אַ שטאָדט דורך אַ משך פון זיבן יאָר און נאָכדעם ווי ער האָט געענדיקט איז ער געקומען און זיך באַזעצט אין איר און דערמיט האָט ער פאַרענדיקט זיין אַרבעט. דאָס אייגענע מיט גאָט ברוך הוא: נאָכדעם ווי ער האָט באַשאַפן זיין וועלט, האָט זי נאָך קיין תיקון ניט געהאַט, ביז ער האָט געמאַכט רוען אין איר זיין שכינה און דאָס איז וואָס ס׳מיינט: „און גאָט האָט געבענטשט דעם זיבעטן טאָג און אים געהייליקט״, ער האָט אים געהייליקט מיט זיין כבוד, אַז ער זאָל רוען אין זיין וועלט — און דערפאַר איז

דער זיבעטער טאָג באַהאַפטן מיט די זעקס טעג. נון, דאָס וואָרט „מנוחה״ שליסט איין דעם דאָזיקן רעיון, און ווייס, אַז אויב גאָט׳ס כבוד איז ניטאָ אויף דער ערד צו באַלייכטן דעם מענטשן — וואָלט דער מענטש קיין מנוחה ניט געהאַט. זיינע געדאַנקען וואָלטן אַלעמאָל געווען צעפלויגן און ס׳איז ניטאָ קיין האָפנונג סיידן דאָס געטליכע דבקות איז דאָ אויף דער ערד און זיין שכינה רוט צווישן די מענטשן — דאַן בלויז איז פאַראַן שמחה און רו. און ווען גאָט וואָלט געלאָזן זיינע מעשים נאָכדעם ווי ער האָט זיי באַשאַפן מיט זייער „טבע״ וואָס ער האָט זיי געגעבן און וואָלט ניט געמאַכט רוען אויף זיי זיין שכינה, וואָלט קיין איינציקער מענטש ניט געפונען קיין מנוחה אויף דער וועלט, אָבער דערפאַר, וואָס נאָכדעם ווי ער האָט געענדיקט די אַרבעט האָט ער אויסגעוויילט דעם זיבעטן טאָג זיך צו באַהעפטן מיט זיינע באַשאַפענע, אַז זיין שכינה זאָל רו־ען צווישן זיי, איז דורך דעם מעגלעך, אַז זיינע באַשעפענישן זאָלן געפינען מנוחה. און אַזוי האָבן געזאָגט אונזערע חכמים: מנוחה איז ניט קיין אַנדער זאַך ווי נבואה, ווייל ס׳שטייט געזאָגט: „און ס׳האָט גערוט אויף זיי דער גייסט״. און אַזוי איז אמת, אַז דורך רוח־הקודש און געטלעכע דבקות זאָל קומען די ענדגילטיקע רו, און אַזוי האָבן די חכמים דערקלערט, אַז ווען די אַרבעט איז פאַרענדיקט געוואָרן האָט נאָך געפעלט דאָס געטלעכע דבקות, וואָס איז דער עיקר און תכלית פון דער גאַנצער אַרבעט און מיט דער מתנה פון רו האָט גאָט פאַרענדיקט זיין אַרבעט, הייסט עס, אַז אַלץ איז פאַרענדיקט געוואָרן אויפן זיבעטן טאָג.

# ר׳ מרדכי טשערנאָבילער

## צוויי מינים רו

אין ענין פון שבת זיינען פאַראַן צוויי מינים רו: א) פון דער אַרבעט, וואָס דאָס באַגערט דאָך אויך דער מענטש, זיך אָפּצורוען פון זיין מי; ב) אים אָפּצוהיטן מיט אַלע פּרטים, כדי מקיים צו זיין די מצוה פון גאָט ברוך הוא אַליין, און דו ווייסט דאָך שוין פון לאַנג, וואָס אונזערע חכמים האָבן געזאָגט אויף „ישמח משה״, אַז ער האָט געבעטן פּרעה׳ן אין מצרים, אַז ער זאָל די יידן לאָזן רוען אין טאָג פון שבת און זיי זאָלן זעקס טאָג אַרבעטן און פּרעה האָט מסכים געווען, אַז זיי זאָלן דורך דער וואָך אָפּטאָן אַלע אַרבעט, און דאָס איז וואָס ס׳שטייט געשריבן: „און דו רעד צו די קינדער פון ישראל״, דו, וואָס דו האָסט זיי געזאָגט וועגן רוען פון דער אַרבעט, וואָס איז געווען אין דער בחינה פון רוען און זיך צוריקהאַלטן פון אַרבעט פון זייער נוצן וועגן, גיי צוריק און זאָג זיי: פון איצט אָן זאָל אַזוי ניט זיין, אַז זייער שבת איז באַפוילן פון מיר, ווייל דאָס איז אַ צייכן, צו וויסן, אַז „איך, גאָט, מאַך אייך הייליק״ — און ניט בלויז זיך אָפּצורוען פון דער אַרבעט.

# ר׳ ישראל בעל שם-טוב (בעש״ט)

.1

## „זיי זאָלן זאַט ווערן און האָבן תענוג"

פאַראַן אין ספרי װעגן דעם װאָס מ׳זאָגט אין שבת׳דיקער תפלה „זאָלן זיך פרייען אין דיין מלכות די שומרי־שבת אאז״וו, זיי זאָלן זאַט זיין און האָבן תענוג פון דיין גוטס", ווייל בדרך הטבע, איז דער וואָס איז זאַט קען שוין קיין תענוג ניט האָבן, אָבער אין הימלישע זאַכן איז פאַרקערט: דאָ קען זיין „זיי װעלן זאַט זיין" און „האָבן תענוג".

.2

## דאָס אַוועקגיין פון דער נשמה-יתירה

איינמאָל איז דער בעש״ט געווען שבת אין אַ דאָרף, האָט ער צענויפגענומען די מענטשן פון דאָרף פאַר שלש־סעודות און זמירות און געזאַנג — האָט מען אים געפרעגט: וואָס איז דער טעם? האָט ער געענטפערט מיט א הלצה, אַז ער האָט געהערט, ווי מ׳זאָגט: „איך וויל שטאַרבן צווישן יידן", און איצט, אַז ס׳קומט די צייט ווען די נשמה־יתירה האַלט ביים אויסגיין — בין איך מיך דעריבער משתדל צו זיין צווישן יידן.

.3

## וועגן לייענען מעשה-ביכלעך אום שבת

וועגן די מענטשן וואָס האָבן ליב שבת צו לייענען מעשה־ביכלעך אין יידיש, וואָס דער „שולחן־ערוך" האָט וועגן דעם געפסקנט, אַז וויבאַלד זיי האָבן דערפון אַ תענוג, מעג מען זיי שבת לייענען — האָט דער בעש״ט געזאָגט אויף דעם אַ משל: אַ מלך וואָס איז געווען גרויס אָן אַ שיעור און רייך אָן א שיעור און גוט אָן אַ שיעור האָט זיך געלאָזט אויסבויען אַ פּאַלאַץ בתכלית ההידור, און דער פּאַלאַץ האָט געהאַט זאַלן, יעדער איינער שענער פארן צווייטן אין פּראַכט און קינסטלעכע אַרבעט וואָס מ׳האָט אַהין אַריינגעטאָן, און דאָרטן זיינען געווען געמעלן אאז״וו, און דאָרטן זיינען געווען קאפעליעס כלי־זמר, אאז״וו, און דאָרטן זיינען געווען די שענסטע מאכלים אאז״וו, האָט דער מלך געזאָגט: עפנט די טויערן און ווער ס׳ווער קומען זאָל קומען און גיט אים אַלץ וואָס זיין האַרץ געלוסט און בעט ביי אים קיין זאַך נישט. איינמאָל איז פאַרביי דעם דאָזיקן פּאַלאַץ דורכגעגאַנגען אַן אָרעמאַן, האָט ער געזען דעם פּאַלאַץ און איז אַריין אינוויינִיק. האָבן דעם מלך׳ס משרתים געאיילט און זיינען אים אַרויס אַנטקעגן און אים געפרעגט, וואָס ער באַגערט? און דער אָרעמאַן וואָס האָט ניט געהאַט

קיין אַנדער השגה ווי פון פשוטע גראָבע מאכלים, וואָס ער איז געוואוינט געווען צו עסן תמיד — האָט געענטפערט, אַז ער וויל אַ גרויסן לאָבן ברויט און אַ טאָפּ אָפּגעקאָכטע קאַרטאָפליעס. ווען די משרתים האָבן דאָס דערהערט, האָבן זיי ניט געוואוסט וואָס צו טאָן, זיינען זיי געגאַנגען און געפרעגט דעם מלך. האָט זיי דער מלך געענטפערט: איך האָב אייך דאָך געזאָגט, אַז איר זאָלט טאָן דעם רצון פון יעדן איינציקן מענטשן, דעריבער טוט ווי ער באַגערט; און אַנשטאָט וואָס יענער אָרעמאַן האָט געקענט האָבן גרויס תענוג פון די העכערע תענוגים, האָט ער אָפּגעגעסן דאָס שוואַרצע ברויט מיט די קאַרטאָפליעס און פאַרלאָזן דעם פּאַלאַץ.

## ר׳ חיים אריה לייב (פון יעדוואבניע)

### 1.

## די שבת׳דיקע הוצאות מאַכן רייך דעם מענטשן

„און גאָט האָט געבענטשט דעם זיבעטן טאָג" — ווייל דער מענטש מאַכט גרויסע הוצאות לכבוד שבת און פאַרדינען אין דעם טאָג פאַרדינט ער ניט... דעריבער האָט אים גאָט געבענטשט אין אָנהייב פון באַשאַף און האָט אונז מבטיח געווען, אַז אויב אַ מענטש וועט מאַכן גרויסע הוצאות לכבוד שבת, וועט מען אים מוסיף זיין פון הימל: „אַלע מזונות פון מענטשן ווערן אים באַשטימט ראש־השנה, חוץ די הוצאות פון שבת און יום־טוב". (ביצה, ט״ז) און דאָס איז, וואָס דער מדרש זאָגט, אַז דאָס וואָס שטייט „און גאָט האָט געבענטשט דעם זיבעטן טאָג" גייט אויפן פסוק „גאָט׳ס ברכה מאַכט רייך" (משלי י׳ כ״ב). גאָט׳ס ברכה — מיינט שבת. דאָס הייסט, אַ מענטש זאָל זיך ניט שרעקן פאַר אָרעמקייט מחמת די שבת׳דיקע הוצאות, דעריבער האָט מען אונז מבטיח געווען, אַז די הוצאות גופא לכבוד שבת מאַכן דעם מענטשן רייך.

### 2.

## אַנטקעגן יענע, וואָס איילן זיך צו זייערע געשעפטן

פאַראַן מענטשן, וואָס באַגרייפן ניט די גרויסקייט פון דער קדושה פון שבת, פאַר זיי איז דאָס בלויז אַ טאָג וואָס מ׳טאָר ניט אַרבעטן און האַנדלען. און דער שבת לעגט זיך שווער אויף זיי מחמת דעם בטול פון זייער אַרבעט און זייער האַנדל. די דאָזיקע קומען אַריין שפּעט אין שבת און זיי איילן זיך פרי אַרויסצוגיין, און זיי שרייען, אַז ס׳זיינען שוין אַרויס די דריי שטערן און וואַרטן ניט, אַז ס׳זאָל שוין געוויס זיין נאַכט. און אויף דעם זאָגט דער נביא: „דורך איין קליינער רגע האָב איך דיך פאַרלאָזן". (ישעיה נ״ד, ז׳) ווייל, ווען איר

וואָלט געוואָרט נאָך איין קליינע רגע און ניט מבייש געווען דעם שבת, וואָלט איך אייך אויסגעלייזט, אָבער צוליב אָט דער קליינער רגע האָב איך אייך פאַר־לאָזן. און דאָס איז וואָס ס׳שטייט: „ווי, די וואָס זאָגן אויף שלעכטס גוט און אויף גוט שלעכטס; וואָס מאַכן פינצטערניש פאַר ליכטיקייט און ליכטיקייט פאַר פינצטערניש״. (ישעיה ה׳, כ׳) ווייל אויפן שלעכטס, די וואָכעדיקע טעג, זאָגן זיי, אַז זיי זיינען גוט פאַר פרנסה און ריוח, און אויפן שבת׳דיקן טאָג, זאָגן זיי, שלעכט, ווייל זיי פאַרלירן אין אים. און דעריבער „מאַכן זיי פינצטער־ניש פאַר ליכטיקייט״, ווייל ערב־שבת ווען ס׳איז שוין פינצטער זיינען זיי נאָך עוסק אין מסחר און זאָגן, אַז ס׳איז נאָך ליכטיק און „ליכטיקייט צו פינצטער־ניש״, ווען דער שבת גייט אַוועק; עס איז נאָך טאָג און זיי איילן זיך צו דאַוונען מעריב.

.3

## „מנוחת אהבה ונדבה, מנוחת אמת ואמונה״

די שייכות צום שבת דאַרף זיין אין דער בחינה פון „מנוחת־אהבה״, ניט ווי פון אַ יאָך, וואָס אַ מענטש וויל פון אים פטור ווערן און „נדבה״, מיינט, ער דאַרף צוגעבן צו דעם אַביסל מער: פון דער וואָכיקייט צו דער הייליקייט. „מנוחת אמת ואמונה״ — די רו פון שבת דאַרף זיין אַ רו פון אמת, ד. ה. „ניט צו היטן שבת אין דער עפנטלעכקייט און אים מחלל זיין, ווען קיינער זעט ניט. „מנוחת שלום ושלוה״ — אַז דער שבת׳דיקער טאָג זאָל ניט זיין קיין טאָג פון מחלוקה און צאַנקעריי. א רו פון „שטילקייט און זיכערקייט״ — אַ יידישער מענטש דאַרף זיך פאַרלאָזן אויף גאָט, אַז דער שבת וועט אים חס ושלום ניט ברענגען צו היזק און מאַטעריעלן שאָדן, נאָר אַדרבה פאַרקערט, גאָט וועט ממלא זיין זיין חסרון כפל־כפלים.

## ר׳ שמעלקע פון ניקלסבורג

## אַ מענטש דאַרף זיין צוגעגרייט פאַר דער קדושה פון שבת

גאָט ברוך הוא האָט געזאָגט צו משה׳ן: „איך האָב אַ טייערע מתנה אין מיינע אוצרות און איר נאָמען איז: שבת״. די טייערע מתנה פון שבת מיינט: דאָס ליכט און די קדושה און דאָס גייסטיקע חיות און דער פיינער שכל וואָס דער מענטש איז משיג פון דער אויבערשטער וועלט, אַ וועלט וואָס איז כולו שבת און כולו תענוג און געפינט זיך אין מיינע אוצרות, וואָס אין טאָג פון שבת עפענט זיך די וועלט אין וועלכער ס׳געפינען זיך די באַהאַלטענע אוצרות פון לעבן און באמת דאַרף יעדער קלוגער מענטש זיך דאָס נעמען צום הארצן און

אַרויסקוקן אַלע וואָכעדיקע טעג און אַריינפּאַלן אין התלהבות: „ווען וועט שוין קומען דער טאָג שבת!" ער באַדאַרף האָפן אויף דער באַהאַלטענער מתנה, וואָס קומט מיטן שבת, אויף דער דערגרייכונג פון קדושה און דאָס גייסטיקע חיות, וואָס קומט אַרונטער פון אויבן, און אודאי דאַרף ער צו דעם האָבן הכנה אַלע זעקס אַרבעטס־טעג. און לויט דער כוונה פון זיין צוגרייטונג וועט אויך זיין זיין השגה, און דאָס איז וואָס דער פסוק זאָגט: „און זיי וועלן צוגרייטן וואָס זיי וועלן אַהיים ברענגען" — אַ מענטש דאַרף זיך מטריח זיין אינדערוואָכן, אַז ער זאָל האָבן פאַרן שבת'דיקן טאָג. און הגם דער מענטש איז זיך מטריח, זאָל ער ניט מיינען, אַז לויט זיינע הכנות איז ער שוין ווערט, אַז די קדושה פון שבת זאָל אויף אים קומען על־פּי־דין. דאָס ניט, ווייל נאָך אַלעמען, איז דאָס אַ גוטע מתנה מיט וועלכער גאָט איז מזכה דעם מענטשן, נאָר פונדעסטוועגן, דאַרף דער מענטש אויף דעם זיך גרייטן, אַז ער זאָל זיין די כלי אויפצונעמען די שפע פון דער דאָזיקער מתנה, ווייל וואָס קען די מתנה פון גאָט מוסיף זיין דעם מענטשן, אויב ער וועט ניט זיין די כלי אויפצונעמען די שפע פון קדושה? דעריבער דאַרף זיך דער מענטש מכין זיין אין די זעקס אַרבעט־טעג, אַז ער זאָל זיין ווערט מקבל צו זיין די קדושה וואָס קומט ווי אַ מתנה פון דעם מלך'ס אוצרות.

## ר' יוסף שאול נאַטאַנזאָן (רב אין לעמבערג)

# די מורא פון שבת

„ניט פאַרן שבת דאַרפסטו מורא האָבן, נאָר פאַר דעם, וואָס האָט געגעבן דעם שבת", (יבמות, ו') די אפיקורסים מיינען, אַז „שבתאי" מיינט, פאַרוויס־טונג און חורבן און ווען עמיצער טוט אין אים אַרבעט וועט עס קיינמאָל ניט מצליח זיין, און דעריבער איז אָנגעזאָגט געוואָרן ניט צו טאָן קיין ארבעט אום שבת. און באמת גלויבן מיר פאַרקערט: אַז דער טאָג שבת איז אַ טאָג פון פרייד און תענוג און זייער אַ מזל'דיקער טאָג, און דאָס וואָס מיר זיינען באַפוילן גע־וואָרן צו רוען, איז דער פאַר, ווייל ס'איז אַ טאָג פון רו, און אַזוי האָט גאָט באַפוילן. און דאָס איז וואָס ס'מיינט: „ניט פאַרן שבת דאַרפסטו מורא האָבן, נאָר פאַר דעם, וואָס האָט געגעבן דעם שבת". און דאָס איז וואָס מ'האָט מתקן געווען אין שמונה־עשרה „זאָלן זיך פרייען מיט דיין מלכות די שומרי־שבת אאז"וו, דאָס פאָלק וואָס האַלט הייליק דעם זיבעטן טאָג". ד. ה. ס'פאָלק וואָס האלט הייליק דעם צאָל זיבן, וואָס דאן הערשט דאָס מזל שבתאי, און זיי רוען ניט דערפאַר, ווייל זיי האָבן מורא פאַרן מזל, וואָס באַטייט פאַרוויסטונג, ווייל דער אמת איז, אַז דער טאָג שבת איז תענוג.

## ר׳ יוסף בריסקער

# מיטן שבת האָט זיך אָנגעהייבן אַ ניי־באַשאַף

אין די ערשטע זעקס טעג האָט גאָט באַשאַפן נייעס יעדן טאָג, וואָס דאָס ווערט אָנגערופן, אַז ער האָט געטאָן אין אים אַן ארבעט, ס׳הייסט, ער האָט באַ־נייט אַ נייע זאַך, וואָס איז פריער ניט געווען, בלויז דאַן האָט זיך אָנגעהייבן דאָס וועלט־באַשאַף אויף א נייעם אופן. היינו, ער באַשאַפט ניט אין אים קיין נייע זאַך וואָס ס׳איז פריער ניט געווען, נאָר ער קערט זיך צוריק און באַשאַפט אין יעדער רגע די מעשה־בראשית. קומט אויס, אַז יעדער רגע באַשאַפט ער נאָכאַמאָל זיין וועלט און אַן דעם וואָלט די וועלט קיין קיום ניט געקענט האָבן. אָבער דעם דאָזיקן באַשאַף רופט דער פסוק אָן שביתה, (רוען) ווייל אין אים האָט ער גערוט. ס׳הייסט ער באַשאַפט די וועלט אָן שום באַנייאונג. און די דאָזיקע אַרבעט, ד. ה. דאָס באַשאַפן אָן קיין שום שנוי, ווערט אויפן לשון פון פסוק אָנגערופן „שביתה״, ווייל אַ מענטש שפירט ניט אין דעם אַ טועכץ פון אַן אַרבעט, און דער דאָזיקער ענין האָט זיך אָנגעהייבן שבת. קומט אויס, אַז דער שבת איז ביי אונז אַ צייכן און אַ זכר, אַז אפילו איצט, וואָס אויבן אויף זעט אויס די וועלט זיך צו פירן לויט אירע אייביקע געזעצן, פונדעסטוועגן האַלט זי זיך ניט פון זיך אַליין, ווי אַן אַרבעט פון אַ מענטשן, וואָס נאָכדעם ווי דער מייסטער האָט פאַרענדיקט זיין אַרבעט שטייט די כלי אין איר זעלבן געשטאַלט און אויסזען פון זיך אַליין און אָן דעם מייסטער, נאָר גאָט ברוך הוא שאַפט זי און געשטאַלט זי אין יעדער שעה און אין יעדער רגע.

און לויט דעם פאַרשטייען מיר נאָך איינעם אַ וויכטיקן ענין. ווייל ס׳איז דאָך באַוואוסט, אַז דאָס וואָס מיר ריידן און לויבן גאָט ברוך הוא איז דאָך דאָס אַלץ מצד פון זיינע פעולות, ווייל אים אַליין קען דאָך קיין געדאַנק ניט באַגרייפן און אַלע לויבן און רום זיינען בלויז לויט זיין באַהעפטונג מיט דער וועלט און זיינע פעולות, ווי דער רמב״ם האָט שוין וועגן דעם גערעדט באריכות. און אייגנטלעך איז דאָך אין שבח פון שבת אין וועלכן ער האָט גערוט קיין פעולה ניט פאַראַנען, און וועגן זיין עצם טאָר מען דאָך ניט ריידן און איבערטראַכטן. און לויט וואָס מיר האָבן אויבן געזאָגט איז רעכט, אַז דער פירוש פון שבת איז די פעולה, וואָס ער באַשאַפט איבער דער וועלט אויף איר פריערדיקן אופן, און מ׳זאָל חלילה ניט מיינען, אַז נאָכדעם ווי די וועלט איז איינמאָל באַשאַפן געוואָרן גייט זי שוין אַזוי בדרך הטבע — נאָר דו דאַרפסט דערקענען אַז ער האַלט זי אין איין שאַפן.

## ר׳ אהרן לעווין (רב פון ריישע)

# מיטן אָנקומען פון שבת ווערט געענדיקט דעם מענטשנ׳ס אַרבעט

די חכמים האָבן געזאָגט: דער וואָס דאוונט ערב־שבת און זאָגט: „ויכולו" — לייגען די צוויי מלאכים וואָס באַגלייטן דעם מענטשן זייערע הענט אויף זיין קאָפּ און זאָגן: „אָפּטאָן ווערט זיך דיין פאַרברעך און דיין זינד ווערט פאַרגעבן ווערן". (ישעיה ו׳, ז׳) און כדי דאָס בעסער צו פאַרשטיין קען מען זאָגן, אַז ס׳זיינען פאַראַן מענטשן, וואָס רוען יאָ שבת פון דער אַרבעט, אָבער זיי טוען עס פאַרדראָסיק, וואָס צוליבן שבת זיינען זיי געצוואונגען איבערצורייסן די אַרבעט און ס׳ווערט זיי דערפון ארויסקומען אַ היזק. און דאָס איז ניט ריכטיק, ווייל דער מענטש דאַרף אויפנעמען דעם שבת מיט דעם אויפריכטיקן געפיל, ווי אַלע זיינע אַרבעטן זיינען פאַרענדיקט ביז צום סוף און ער האָט מער גאָרניט וואָס צו טאָן און דאַן ווערט ער זיך פרייען מיט אַ צופרידן האַרץ. און ווי טייער עס זיינען די רייד פון אונזערע חכמים אין מדרש: „די ברכה פון גאָט, זי מאַכט רייך, מען דאַרף צומאָל ניט צולעגן מי דערביי". (משלי י׳, כ״ב) גאָט׳ס ברכה מאַכט רייך — דאָס איז דער שבת, מען דאַרף ניט צולעגן מי דערביי — דאָס איז דער טרויער. די כוונה איז, אַז דער מענטש זאָל חלילה ניט מיינען, אַז דער שבת ווערט אים פאַרשאַפן מי און אים ברענגען צו טרויער, אַז ער שטערט אים פון דער אַרבעט און לאָזט אים ניט פאַרענדיקן זיין ווערק — נאָר ער זאָל זיך פאַרשטעלן, אַז זיין אַרבעט איז פאַרענדיקט מיטן אָנקום פון שבת און אַז ער האָט מער קיין אַרבעט ניט און דעמאָלט ווערט דער שבת ניט פאַלן אויף אים צו לאַסט, נאָר ער ווערט זען אין אים אַ גרויסע ברכה, וואָס ברענגט אים רו נאָך זעקס טעג פון אַרבעט. און דאָס איז אויך וואָס יענער מאמר דייט אָן: דער וואָס דאוונט ערב־שבת און זאָגט „ויכולו" — ס׳הייסט, ער נעמט אויף דעם שבת ניט דורכן געפיל, אַז ער האָט איבעגעריסן זיין אַרבעט צוליבן שבת, ווייל ער איז געצוואונגען זי איבערצורייסן, נאָר ער זאָגט „ויכולו", ווייל ער באַטראַכט זיך, ווי גאָר זיין ארבעט איז פאַרענדיקט און ער האָט שוין מער ניט וואָס צו־צוגעבן — אַזאַ מענטש איז ראוי, אַז אַלע ברכות זאָלן רוען אויף זיין קאָפּ.

און איך האָב געזען א מדרש, וואו ס׳ווערט געבראַכט דער אויבנדער־מאָנטער מאמר, נאָר מיט אַ קליינער הוספה. דאָרטן ווערט עס געבראַכט בזה־הלשון: דער וואָס דאַוונט און זאָגט „ויכולו" מיט זיין גאַנצן כוח, זאָגן צו אים די צוויי מלאכים וואָס באַגלייטן דעם מענטשן: „אָפּטאָן ווערט זיך דיין פאַרברעך און דיין זינד ווערט פאַרגעבן ווערן". און אויף יענעם וואָס זאָגט מיטן גאַנצן כח קען מען זאָגן, אַז דער וואָס גייט אַרום ליידיק אַ גאַנצע וואָך און טוט קיין אַרבעט ניט, איז דאָך ניט קיין גרויסער אויפטו וואָס ער נעמט אויף זיך די

קדושה פון שבת, ווייל דורך די אַנדערע טעג רוט ער דאָך אויך און טוט קיין אַרבעט ניט. אָבער דער, וועמענס הענט זיינען אַ גאַנצע וואָך פול מיט ארבעט, פונדעסטוועגן, ווען עס קומט דער ערב־שבת האַלט ער זיך צוריק פון יעדער אַרבעט און נעמט אויף זיך די קדושה פון שבת און ער רוט פון זיין אַרבעט — אַזאַ מאַן האָט אַ גרויסן שכר און דאָס איז וואָס זיי האָבן געזאָגט: ווער עס זאָגט „ויכולו" מיטן גאַנצן כח, ווייל ער האָט כח און אַרבעט די גאַנצע וואָך און ער רוט בלויז צוליב דער קדושה פון שבת.

## ר' שבתי אבן-בודד

# אַרבעטן אינדערוואָכן איז אַ מצוה

„זעקס טעג זאָלסטו אַרבעטן" (שמות ל"ד, כ"א) דאָס איז אַ מצוה. דיר צו זאָגן, אַזוי ווי דו ביסט באַפוילן צו רוען אין טאָג פון שבת, אַזוי ביסטו אויך באַפוילן צו אַרבעטן אין די זעקס אַרבעטטעג. אויב דו וועסט אַזוי טאָן, וועסטו פאַרגליכן ווערן צו דיין באַשאַפער, ווייל אַזוי האָט גאָט באַשאַפן דעם הימל און די ערד אין זעקס טעג און גערוט אויפן זיבעטן טאָג. און גוט ווערט געזאָגט אין בראשית־רבה: „ווען גאָט ברוך הוא האָט באַשאַפן אָדמ'ען — האָבן די מלאכים מיט אים זיך טועה געווען און זיי האָבן געוואָלט זאָגן: קדוש, קדוש, קדוש. וואָס האָט גאָט ברוך הוא געטאָן? ער האָט אַרויפֿגעוואָרפן אויף אים אַ טיפן שלאָף, האָבן אַלע געוואוסט, אַז דאָס איז אַ מענטש." און דאָס איז דער מיין פון דעם פסוק: פון אַלע לעבעדיקע באַשעפענישן איז ניטאָ קיין איינציקס וואָס זאָל טאָן אַן אַרבעט, אויסער דער מענטש. וועסטו דאָך זאָגן, אַז די בינען טוען אויך אַן אַרבעט, אָבער זייער טאָן הייסט ניט קיין אַרבעט, ווייל די בין טוט ניט עפּעס אַזוינס, וואָס אַ צווייטע בין זאָל ניט קענען טאָן, און זינט די וועלט איז באַשאַפן און ביזן היינטיקן טאָג איז די אַרבעט פון די בינען די אייגענע און איז גאָרניט ניט באַנייט געוואָרן מיט עפּעס. אָבער ניט אַזוי איז די זאַך מיט מענטשן. יעדער איינער האָט זיין אייגענעם וועג אין זיין אַרבעט, און איינעמס אַן אַרבעט אונטערשיידט זיך פון אַנדערנס און דעריבער קען דאָס וואָרט „מלאכה" ניט געברויכט ווערן סיידן אויף מענטשלעכער אַרבעט. און דאָס איז וואָס דער מדרש זאָגט, אַז ווען די מלאכים האָבן דערזען דעם אָדם־הראשון, ווי ער טוט אַן אַרבעט, האָבן זיי דערזען אין זיין אַרבעט אַ שאַפן, ווייל ס'איז אין איר געווען אַ באַנייאונג, האָט זיך זיי אויסגעדוכט, אַז ער איז אַ באַשאַפער און זיי האָבן געמאַכט אין אים אַ טעות; נאָר וויבאַלד ס'איז אים באַפאַלן דער טיפער שלאָף און ער האָט ניט געקענט אַרבעטן, האָבן אַלע געוואוסט, אַז ער איז אַ מענטש.

„שבת פאַר גאָט״ — זיין מיין ווערט קלאָר פון דעם וואָס די חכמים האָבן געזאָגט: מאַך דיין שבת וואָכעדיק און זאָלסט ניט אָנקומען צו מענטשן. ווייל דער שבת פאַרמאָגט צוויי צדדים: פון איין צד איז ער אַ טאָג פון רו און הייליקייט, אַז דער מענטש זאָל זיין פריי פון אַלע זיינע עסקים און דער טאָג איז הייליק פאַר גאָט. פון דעם צד ווערט דער טאָג אָנגערופן: שבת פאַר גאָט. און פון צווייטן צד איז שבת אַ גרויסער פּראַקטיקער יום־טוב, אין וועלכן דער מענטש דאַרף רוען, עסן און זיין פריילעך און זיך אָנטאָן שיינע בגדים. און פון דאָזיקן צד, פון וועלכן ס'ווערט אין חומש ניט גערעדט, איז דער שבת אַ שבת פאַרן מענטשן, און דעריבער, ווען די חכמים זיינען געקומען זאָגן, אַז אַ מענטש מעג עסן און זיך אָנטאָן שבת דאָס אייגענע וואָס ער עסט און טוט זיך אָן אינדערוואָכן, כדי ער זאָל ניט דאַרפן אָנקומען צו מענטשן, האָט מען דעם שבת אָנגערופן „דיין שבת״, אַרויסצונעמען פון כלל „שבת פאַר גאָט״, און לויט די דאָזיקע רייד איז דער מיין פון „שבת פאַר גאָט״ — אַ שבת פאַר גאָט'ס נאָמען און פון זיין כבוד וועגן — און שבת איז דיר ניט געגעבן געוואָרן, אַז דו זאָלסט קענען אויף אים מוחל זיין.

## ר' שמואל דוד לוצאַטו

# די מצוה פון שבת

אין דער מצוה פון שבת, דאַרף מען מאַכן אַ חילוק צווישן דעם רוען פון אידישן מענטשן און דעם רוען פון דעם קנעכט און דער בהמה. די לעצטע האָט בכוונה, אַז מ'זאָל האָבן מיט זיי איינזען און רחמנות, אָבער די ערשטע האָט ניט די אייגענע כוונה, ווייל דער וואָס איז אַ פרייער מענטש קען דאָך רוען ווען נאָר ער וויל, נאָר דאָס גייט אויף אַנדערע ענינים. גאָר צום ערשטן, מיינט די מצוה פון שבת, ווי אַלע איסורים פון קדושה, צו דערהויבן דאָס פאָלק ישראל, ביז זיי זאָלן זיך באַטראַכטן ווי אַ מלוכה פון כוהנים און אַ הייליק פאָלק, ווען זיי וועלן רוען אין דעם טאָג ווען גאָט האָט גערוט פון דער אַרבעט פון הימל און ערד; און פון דעם צד איז דער שבת אַ צייכן צווישן גאָט און צווישן אידן, ס'הייסט, ס'איז אַ צייכן און אַ סימן אויפן געשלאָסענעם בונד, וואָס צווישן אים און צווישן אונדז, און פון דעם צווייטען צד איז פאַראַן אין דער מצוה פון שבת אַ גרויסע נוץ פאַרן תיקון פון די מענטשלעכע מידות, פאַרן וואוילזיין פון דער גאַנצער אומה און פאַרן אויפהיטן פון אונדזער אמונה. ווייל דאָס איז דאָך באַקאַנט, אַז יעדער מענטש רוט זיך אָפּטמאָל אָפּ פון דער אַרבעט און האָט הנאה פון דעם אָפּרו — נון, אויב יעדער איינציקער וועט רוען אין וואָס נאָר פאַראַ טאָג ס'וועט זיך אים פאַרגלוסטן, וועט פון די דאָזיקע אינדיווידועלע רועניש

קיין אַנדער נוץ ניט אַרויסקומען אַחוץ די הנאה פון דעם איינצלנעם יחיד, אָבער ווען דאָס רוען פון גאַנצן פאָלק פאַלט אויס אין איין טאָג, קומט דערפון אַרויס אַז זיי קענען זיך צונויפקומען צוזאַמען, עסן און טרינקען און שמועסן איינע מיט די אַנדערע, און די ליבשאַפט צווישן זיי ווערט זיך פאַרמערן, און זיי וועלן קענען הערן תורה און מוסר פון די זקנים און חכמים. און דער שבת׳דיקער טאָג גלייכט אויס רייך און אָרעם, האַר און קנעכט, קליין און גרויס און דער קנעכט איז פריי פון זיין האַר; און דאָס העלפט צו דערוייטערן די גאווה פון די רייכע און זיי צו דערמאָנען, אַז מיר זיינען אַלע קינדער פון איין טאַטן.

# ר׳ שמשון רפאל הירש

## די קדושה פון שבת איז אויף אייביק

פון אַלע גוטע מתנות, וואָס די אידישע תורה האָט געגעבן אירע נאָכפאָלגער — איז ניטאָ קיין בעסערע מתנה, וואָס גיט לעבנסגליק אין אַזאַ גרויסער שפע׳דיקער מאָס, ווי די פריסטע מצוה, די מצוה פון שבת. נעמט פון אידן אַוועק דעם שבת — און איר נעמט־צו זיין טייערסטע פערל, און אַלץ נאָר וואָס איר וועט אים דערפאַר וועלן פאַרגיטיקן, קען זיין פּלאַץ ניט פאַרנעמען. אַלע פריידן און שמחות וואָס איר וועט דעם אידן פאַרשאַפן וועלן אים ניט צופרידנשטילן און וועלן אים ניט געבן דאָס, וואָס ער געפינט אין דער ליבער רו און אין דער רואיקער שטילקייט פון טאָג שבת.

ווי אַ שיינע צנועה׳דיקע כלה האָט גאָט אַרויסגעפירט דעם שבת אַנטקעגן פאָלק ישראל און האָט זיי ביידע פאַרקניפּט און פאַרבונדן. אויב דער איד שטייט אין געטריישאַפט מיטן שבת און איז איבערגעגעבן צו אים מיטן גאַנצן האַרצן און נשמה — איז דער שבת זיין געטרייסטער און נאָענט־סטער פאַרבינדעטער און ער גיט אים אין לעבן היילונג און טרייסט און נעמט אַוועק אַלע זיינע שווערקייטן. זיין אָרעם ביידל פאַרוואַנדלט ער אין אַ פּאַלאַץ און די פינצטערניש פון נאַכט אין טאָגיקער ליכטיקייט.

יענע אידן, וואָס קערן אָפּ זייער נאַקן פון דעם דאָזיקן האַרציקן פריינט, גיבן זיך ניט אָפּ קיין רעכענונג, וואָס פאַר אַ קוואַל פון גוטס און נחת־רוח זיי וואַרפן אַוועק. זיי פאַרטראַכטן זיך גאָרניט, וואָס פאַר אַ גרויס שלעכטס זיי באַגייען צו זייערע אייגענע קינדער, ווען זיי מאַכן זיי ניט ירש׳ען דעם טאָג שבת. זיי באַרויבן זייערע קינדער פון גרעסטן גייסטיקן אוצר פון זייער פאָלק און שטאַם, וואָס זיי, די קינדער, האָבן אויף דעם זכות פון ירושה פון דור־דורות.

באַגייט ניט דעם דאָזיקן פאַרברעכן, איר טאַטעס און מאַמעס פון אידישן פאָלק. פאַראָרעמט ניט אייערע קינדער און נעמט ניט אַוועק פון זיי אויף אייביק דעם פאָלקס־פאַרמעגן, דעם שבת. איר זאָרגט זיך פאַר זייער צוקונפט, זייער פיין, מאַכט זיי פאַר געבילדעטע מענטשן, פאַר בכבודיקע מענטשן, געזונטע און שטאַרקע מענטשן. אָבער איר מוזט נאָך צוגעבן דערצו אייער פאָלקס פאַרבאָרגענע מתנה, דעם שבת פון דער אידישער תורה. לערנט זיי פון קליינוויז אָן אָפּצוהיטן שבת און זייט פאַר זיי אַ מוסטער אין אָפּהיטן דעם דאָזיקן וואונדערלעכן קנין, כדי זיי זאָלן זיך אָפּלערנען פון אייך און טאָן ווי איר טוט, און די דאָזיקע אייביקע נחלה זאָל אויפגעהיט ווערן אויך פון די קומענדיקע דורות.

די מלכה־שבת ברענגט אַריין אין אידנס הויז אַ נייע וועלט; קיין זכר ניט פון די זעקס אַרבעטטעג, די וועלט פון דאגה און פיין, טרויער און זיפץ. דער שבת מיט זיין צויבער פאַרוואַנדלט אים אין אַ עולם שכולו טוב, אַ וועלט פון שלום און פון שלווה. אפילו די ווענט פון הויז זאָגן, אַז היינט איז שבת, אַ טאָג פון קדושה און רו; דער איד וואַרפט אַראָפּ דעם יאָך פון אַרבעט פון זיינע פּלייצעס, טרייסלט אָפּ דעם שטויב פון די וואָכעדיקע טעג, די קנייטשן פון זיין שטערן ווערן אויסגעגלעט, זיין נשמה קערט זיך אום צו איר מנוחה און זיין פאַרשטאַנד ווערט לויטער און קלאָר. דאָס איז דער שבת־קודש ביי אידן און דאָס איז זיין חלק אין לעבן.

„זעקס טעג זאָלסטו אַרבעטן און טאָן גאָר דיין אַרבעט" — זאָגט די תורה. זעקס טעג אין וואָך זיינען דיר געגעבן איינצופרעסן אין זיי דיין כאַראַקטער און דיין געשמאַק, און אין די זעקס טעג זאָלסטו טאָן דיין אַרבעט ווי דיר אַליין געפעלט. זעקס טעג אַקער און זיי, שנייד און זאַמל צונויף, פלאַנץ און רייס אויס דאָס געפלאַנצטע; זעקס טעג דרעש און מאָל, שער און שפין, ניי און צערייס, בוי און צעוואַרף, שרייב און מעק, צינד אָן און לעש אויס, פאַנג און שחט, קאָך און באַק און טו אַלע דיינע אַרבעטן, אָבער אויפן זיבעטן טאָג איז שבת ביי דיין גאָט — שבת־שבתון. אין טאָג פון שבת זאָל דער אַקערער פאַרלאָזן זיין אַקער, דער שניטער — זיין סערפּ, דער מילנער — זיין מיל, דער בעקער — זיין אויוון, דער שרייבער — זיין פעדער, דער מאָליער — זיין פּינזל, דער קרעמער — זיין קראָם, דער באַנקיר — זיינע פּאַפּירן, דער באַאַמטער — זיין אַמט, דער מייסטער — זיין ווערקהויז, דער שוסטער — זיין שוך, און דער שניידער — זיין נאָדל — ס'איז שבת היינט ביי דיין גאָט. און ניט בלויז פאַרן באַלעבאָס פון הויז און פאַר זיין זון און פאַר זיין טאָכטער, נאָר אויך „דיין קנעכט און דיין דינסט און דיין בהמה און דער פרעמדער, וואָס אין דיינע טויערן" — אַלע זאָלן רוען, איז דאָס געבאָט פון דער תורה, ווייל דעריבער „האָט גאָט געבענטשט דעם שבת־דיקן טאָג און האָט אים געהייליקט". און זאָל דיר ניט קומען אויפן זינען




די ברכה פון שבת

ש. ראסקין




דער שבת קודש גייט אַוועק

ש. ראַסקין

צו טראַכטן: דאָס געבאָט פון דער תורה וועגן שבת אין די עשרת־הדברות איז דאָך געזאָגט געוואָרן מיט איבער דריי טויזנט יאָר צוריק, און דורך דעם משך פון דער דאָזיקער לאַנגער צייט האָט זיך דאָס לעבן אַזוי פיל געביטן אויף יעדן געביט, צי דען דאַרפן מיר זיין אַזוי שטאַרק אָפּגעהיט מיט שמירת־שבת — חלילה וחלילה אַזוי צו טראַכטן. אונדזער געטלעכע תורה שטרייכט אונטער: „זאָלסט געדענקען דעם טאָג שבת, אים צו האַלטן הייליק" — אָן שום באַדינג פון צייט און פּלאַץ. די דאָזיקע באַהאַלטענע טייערקייט — דער שבת — איז געגעבן געוואָרן צום אידישן פאָלק אויף אייביק און זיין קדושה איז ניט אָפּהענגיק אָן צייט און אָרט. דאָס איז די צירונג פון אונדזער פאָלק און אַלע וואָס היטן אָפּ שבת זעטיקן זיך מיט אירע גוטיקייטן און איר גוטער אוצר איז פאַר זיי אַ ברכה.

## ר' משה נאַכט

## די שבת'דיקע רו פרישט אָפּ דעם מענטשנס כוחות

וויפיל אַנדייטונגען זיינען אונדז געגעבן געוואָרן מכוח דעם גאָלדער־נעם מיטן און וועגן אָפּהיטן די כוחות אויף אַ מעסיקן שטייגער, און די בעסטע איבערוועגנדיקע ראיה וועגן דעם איז דער טאָג שבת, וואָס איז געגעבן געוואָרן דעם אידישן פאָלק, כדי אים צו דערהאַלטן ביים לעבן.

מיר דאַרפן זיך אָפּשטעלן אויף דער דערציערישער זייט, וואָס איז פאַראַן אין שבת, ד"ה אָוועקשטעלן דעם מענטשן אָפּצוהיטן זיינע כוחות און זיין גלייכגעוויכט. וואָס אַזוינס איז אַרבעט? אַרבעט מיינט, די שטענדיקע אָנשטרענגונג צו שטייגן העכער און העכער, זיך צו דערווערבן אין קנין נאָכן צוויטן, רייכקייט אויף רייכקייט, גיטער אויף גיטער. דער מענטש איז קיינמאָל ניט מיד געוואָרן צו שטרעבן און אַרבעטן, ווייל דאָס איז שוין זיין טבע. איז געקומען די געטלעכע השגחה און געשטעלט אַ גרענעץ צו דער דאָזיקער שטרעבונג און די גרענעץ איז — דער שבת.

וואָס איז שבת? שבת הייסט פולשטענדיקע רו, וואָס איז דער פול־שטענדיקער היפך פון אַרבעט. דער שבת קומט צו מאַכן אַ תחום פאַר דער שטרעבונג נאָך אַרבעט, פאַרן שטענדיקן גלוסטן צו פאַרמערן גיטער. ווּעסטו דאָך ווּעלן זאָגן, אַז דער שבת קומט אָוועקצונעמען פון מענטשן די איני־ציאַטיוו פון דערגרייכונג און אומאויפהערלעכע שטרעבונג צום ציל? האָסטו אַ טעות! דער שבת היט אָפּ דעם מענטשנס כוחות, אַז זיי זאָלן ניט גיין לאיבוד, אַז ער זאָל זיי צופיל ניט צעטרענצלען. ס'איז אַ פאַקט, אַז דער מענטש וואָס רוט נאָך אַ שווערער אַרבעט — קלייבט אָן נייע כוחות און קען ווידער אַרבעטן מיט מער פריידיקייט און פלייסיקייט; דער שבת

ווערט דערפאַר ווי אַ פאַנצער פאַר די צעשטערנדיקע כוחות אין דער אַרבעט. דער שבת קומט אומצוקערן צום מענטשן דאָס גלייכגעוויכט צווישן די פאַרשיידענע כוחות, וואָס זיינען צעשטערט געוואָרן דורך דער גרויסער אָנשטרענגונג.

און דאָס אייגענע איז מכוח דעם עירוב פון הויפן און עירוב פון תחום־שבת. אַ סך מענטשן זעען אין דער דאָזיקער תקנה אַן איבעריקע שווערקייט אויפן מענטשן, ווייל דער מענטש איז אַ געפאַנגענער אין זיין הויז, אין זיין הויף און אין זיין שטאָט און ער טאָר זיך ניט רירן פון אָרט, און ס'קומט אויס, אַז דער דאָזיקער פאַרבאָט פאַראורזאַכט דעם מענטשן צער און ס'איז כלל וכלל קיין עונג־שבת ניט. און טאַקע, פון דעם ערשטן בליק זעען אונדז די עירוב'ן אויס ווי קייטן אַרויפגעלייגט אויפן מענטשן, אַז ער טאָר ניט גיין און איבערטראָגן זיינע זאַכן, פון איין פּלאַץ אויפן צווייטן, און דאָס אייגענע מיטן עירוב פון תחום־שבת'ן, וואָרום גאַנץ אָפט האָט דאָך דער מענטש הנאה אַרויסצוגיין חוצ'ן תחום, און דאָך האָט מען עס פאַרבאָטן. נאָר ווי מיר האָבן אויבן מסביר געווען דעם ענין פון שבת, ווערט דאָס אויך זייער פיין אויפגעקלערט: דער דאָזיקער איסור, וואָס קומט צו באַשרענקען די פרייע באַוועגלעכקייט פון מענטשן, קומט פאַר זיין אייגענער טובה. ווייל ער צווינגט דעם מענטשן אָפּצוהיטן זיינע כוחות און צו רוען אַ פולשטענדיקע רו פון אַלע וואָכעדיקע מעשים און צרות, ווייל בלויז די פולשטענדיקע און אַבסאָלוטע רו איז דער ערשטער באַדינג פאַר יעדער אָנשרענגונג פון אַרבעט דורך דער וואָך. און ווען ניט די הפסקה פון שבת, וואָס איז גוזר אַבסאָלוטע רו אויפן מענטשן וואָלט ער מיטן גוטן ווילן קיינמאָל ניט געמאַכט קיין חוקים פאַר זייער אייגענעם רוען — און וואָלט דורך דעם זיין אייגענע וועלט פאַרלאָרן.

## ר' ישראל מאיר הכהן (חפץ־חיים)

### 1.

## דער שבת איז אַ צייכן פאַרן פאָלק ישראל

די תורה זאָגט: „זאָלסט געדענקען דעם טאָג שבת אים צו האַלטן הייליק" אאַז"וו. „ווייל זעקס טעג האָט גאָט באַשאַפן" אאַז"וו. דער פסוק לערנט אונדז, אַז שבת איז דער יסוד פון גלויבן, אַז די וועלט איז ניי, און וויבאַלד גאָט האָט אַלץ באַשאַפן, איז ער דאָך דער האַר פון אַלץ און מיר זיינען זיינע קנעכט און זיינען מחוייב צו טאָן זיין רצון און אים צו דינען, ווייל אַלץ איז זיינס. וועגן אָפּהיטן שבת האָט די תורה אָנגעזאָגט צוועלף מאָל. און אונדזערע חכמים ז"ל האָבן געזאָגט: דער וואָס איז מקיים שבת

איז ווי ער וואָלט מקיים זיין די גאַנצע תורה און דער וואָס איז מחלל שבת איז ווי ער וואָלט געלייקנט אין דער גאַנצער תורה. וועגן שבת זאָגט דער פסוק: „צווישן מיר און צווישן די קינדער פון ישראל איז ער אַ צייכן אויף אייביק". דאָס וואָרט „צייכן" לערנט אונדז וועגן דער גרויסקייט פון ענין שבת. צו וואָס איז דאָס געגליכן? צו איינעם אַ בעל מלאכה אדער אַ סוחר, וואָס שטעלט אַרויס שילד איבער זיין הויז, וואָס באַצייכנט פאַר אַלעמען זיין מלאכה, אָדער זיין מסחר. כל־זמן דער שילד הענגט אינדרויסן, ווייסן אַלע, אַז דאָ אין הויז וואוינט אַ בעל־מלאכה אָדער אַ סוחר, און אפילו אַז ער פאַרט אַמאָל אַוועק אויף עטלעכע טעג, אָבער אַרויסגעקליבן פון הויז האָט ער זיך ניט. אָבער ניט אַזוי איז, ווען דער שילד ווערט אינגאַנצן צוגענומען, וואָס מיינט, אַז יענער וואָס האָט דאָ געוואוינט האָט זיך אַרויסגעקליבן און איז שוין מער ניט פאַראַן דאָ. דאָס אייגענע איז מיטן ענין שבת, ווייל דאָס איז אַ צייכן פאַרן ייִדן, וואָס טראָגט אויף זיך די פאָן פון האָפנונג, אַז ער גלויבט אין גאָט ברוך הוא, אַז ער איז דער בורא־עולם און באַנייער און מיר זיינען מחוייב אים צו דינען, און דורך זיין גלויבן אין גאָט גייט אַרונטער אין זיין האַרץ אויך די קדושה פון גאָט, ווי ס'שטייט געשריבן: „ווייל ס'איז אַ צייכן צווישן מיר און צווישן אייך אויף דור־דורות, אַז איך גאָט מאַך אייך הייליק" און אויף דעם האָט אָנגעוואונקען דער פסוק: „און זיי וועלן מיר מאַכן אַ מקדש און איך וועל רוען אין זיי", טאַקע ממש אין זיי, ווי די מפרשים האָבן דערקלערט. און דער־ריבער, אפילו אַז ס'האָט געטראָפן, אַז ער האָט עובר געווען אויף אַ מצוה, איז נאָך אַלץ פאַראַן דער צייכן עדות צו זאָגן אויף יענעם מענטשן, אַז ער וואוינט נאָך אַלץ אין זיין אייגענער דירה, ס'הייסט, ער איז נאָך אַ ייד ווי געוועזן, אַז גאָטס קדושה רוט אין זיין האַרצן; אָבער אַנדערש איז אויב ער איז חס־ושלום מחלל שבת, דורך דעם נעמט ער פון זיך אַרונטער דעם צייכן און באַווייזט, אַז אין טיפעניש פון זיין האַרצן וואוינט שוין ניט קיין ייד וואָס גלויבט אין גאָט און גאָטס מקדש איז שוין אָפגעטאָן פון זיין האַרצן.

### .2

## שמירת־שבת כהלכתה

און זע די האַרבע זינד פון חילול שבת, ווייל וועגן אַלע אַנדערע זינד, אַחוץ געצנדינערייַ, אויב ער זינדיקט אין איינער פון זיי — זינדיקט ער אָבער ניט לגבי דער גאַנצער תורה, אָבער אין איסור־שבת איז דאָס אַ בפירושער דין אין שולחן־ערוך, אַז דער וואָס איז אַ מופקר אין חילול־שבת בפרהסיא איז עובר אויף דער גאַנצער תורה און זיין דין איז ממש ווי אַ געצנדינער. און פאַרקערט, אויף די וואָס היטן אָפּ שבת איז פאַראַן אין מדרש־רבה פרשה בשלח: גאָט ברוך הוא האָט געזאָגט צו די יידן: אויב איר וועט זוכה זיין צו היטן שבת, וועל איך אייך דאָס פאַררעכענען, ווי איר וואָלט אָפגעהיט אַלע

מצוות פון דער תורה, און אַזוי זאָגט ער: „דער וואָס היט שבת, אים ניט צו פאַרשוועכן און היט זיין האַנט פון צו טאָן בייז“ ס׳הייסט, דאָס לעצטע ווענדט זיך אָן דאָס ערשטע. אין גמרא ווערט זייער פיל גערעדט וועגן אָפּהיטן שבת כהלכה. דאָס קען מען דערקלערן מיט דעם, אַז די חכמים האָבן שטאַרק מדקדק געווען צו זאָגן „כהלכתו“, ווייל ס׳קען זיך גריילעך טרעפן, וואָס אַ מענטש היט ניט אָפּ שבת ווי דער דין איז, און דאָך זאָל מען אים ניט קענען אָנרופן מיטן נאָמען „מחלל-שבת“. למשל, מכח דעם אַז זיין בהמה זאָל רוען, וואָס די תורה האָט באַדאַרפט אָנזאָגן, אַז זיין אָקס און אייזל זאָלן רוען, און ער האָט אַ סך פעלדער און בהמות און ער ווענדט אָן כל המינים תחבולות און חכמות און פאַרקויפט זיי צו אַ גוי פאַרן שבת׳דיקן טאָג; און אויך למשל איינער וואָס האַלט אַ שענק און דאָס גלייכן און ער טוט זיך קליגען, כדי ער זאָל דורכן שבת׳דיקן טאָג פאַרדינען, און נאָך און נאָך אַזעלכע זאַכן אין די דינים פון שבת, וואָס לויט דער תורה קען מען זיי ניט אָנרופן פאַר אַן אַבסאָלוטן אסור, און דאָך קענען מיר דעם מענטשן, וואָס טוט אַזעלכע זאַכן ניט אָנרופן קיין שומר-שבת כהלכה; ווייל סוף-כל-סוף קענען מיר ביי אַזאַ מענטשן ניט זען דעם ענין שבת-קודש, ווי ס׳באַדאַרף צו זיין, און אין דער ווירקלעכקייט, האָט ער מבטל געווען דאָס וואָס שטייט געשריבן אין דער תורה אַז „דיין אָקס און דיין אייזל זאָל רוען“ און דאָס גלייכן. און דעריבער האָבן די חכמים געזאָגט: דער וואָס היט שבת, ווי דער דין איז, ס׳הייסט, יענער וואָס איז מיט אַן אמת אַ גאָטספאַרכטיקער מענטש, זוכט ניט קיין דערלייכטערונג, כדי זיך צו פּטר׳ן פון דעם חיוב פון א מצוה, אדרבה, ער זוכט עצות ווי אַזוי צו נעמען אויף זיך די מצוות פון גאָט-ברוך-הוא,, און דאָס איז דערפאַר, ווייל די עצם-מצוה איז אים ליב. און דאָס איז וואָס דער פסוק זאָגט: „וואויל צו דעם מאַן וואָס האָט מורא פאַר גאָט, וואָס נאָך זיינע געבאָט טוט ער גאַרן זייער“. (תהלים קי״ב, א׳) די כוונה דערפון איז: יענער וואָס דערקענט ניט גאָטס גרויסקייט און ער האָט מורא עובר צו זיין אויף דער תורה בלויז דערפאַר, ער זאָל ניט באַשטראָפט ווערן אויף דער וועלט, צו אויף יענער וועלט, יענער זוכט עצות, ווי אַזוי זיך צו פּטר׳ן פון אַ מצוה על פי דין, ער זאָל ניט ליידן דורך דעם קיין עונש. אָבער ניט אַזוי איז יענער, וואָס האָט מורא פאר גאָט, יענער וואָס דערקענט זיין גרויסקייט און זיין כבוד, ער וויל די מצוה גופא און ער ציטערט זי אָפּצוהיטן דערפאַר, ווייל גאָט האָט געבאָטן און ער זוכט אַן עצה צו נעמען אויף זיך די מצוה בחיוב.

3.

## שבת איז דער מיטלפּונקט פון דער גאַנצער וואָך

דער פסוק זאָגט: „נאָר מיינע שבתים זאָלט איר היטן“, אייגנטלעך האָט באַדאַרפט שטיין „דעם שבת זאָלט איר היטן“, אַזוי ווי עס שטייט געשריבן „און די קינדער פון ישראל זאָלן היטן דעם שבת“, נאָר עס שטייט שוין גע-

שריבען אין די ספרים פון די גאָטספאָרכטיקע, אַז די קדושה פון שבת שפּרייט זיך אויף אַלע טעג, ווייל דער שבת׳דיקער טאָג איז דער צענטראַלער פונקט, וואָס די אַלע אַנדערע טעג פון דער וואָך ציען פון אים זייער יניקה. די טעג א׳ ב׳ ג׳ ווערן אָנגערופן די נאָכשבת׳דיקע טעג, ווייל זיי באַקומען קדושה פון דעם פאַרגאַנגענעם שבת, און די טעג ד׳ ה׳ ו׳ — באַקומען קדושה פון דעם קומענדיקן שבת. פון דעם קומט אויס, אַז דער טאָג שבת איז ווי דאָס האַרץ, וואָס פון אים ציט זיך חיות פאַר אלע אברים, און דעריבער זאָגט דער פסוק „מיינע שבתים״, אין מערצאָל, ווייל די קדושה פון שבת שטעלט זיך ניט צו־פרידן מיט איין טאָג, ווייל זי גיט און איז משפיע אויף אַלע טעג פון דער גאַנ־צער וואָך. און אַזוי ווי שבת איז דער מיטלפונקט פון דער גאַנצער וואָך — איז אַ גרויסע מצוה, אַז דורך דער גאַנצער וואָך און איבערהויפּט דורכן זעקסטן טאָג, זאָל דער מענטש זיך משתדל זיין אָנצוגרייטן אויף שבת, און אַפילו ווען ער האָט כמה משרתים, איז אַ מצוה ער זאָל אַליין אויך צולעגען א האַנט צו־צוגרייטן אויף שבת, ווייל די מצוה ליגט אויף אים מער ווי אויף זיין שליח; און ער זאָל זיך פאָרשטעלן אין דמיון, ווי אַ גרויסער שר גייט קומען צו אים צו גאַסט — ווי וואָלט ער אויסגעקערט דעמאָלט די שטוב, פאַרבעט די בעטן און וואָלט דאָס ניט באַטראַכט פאַר קיין שום פחיתות־הכבוד — היינט ווי שוין דאַרף זיך דער מענטש גרייטן פאַר דער מלכה־שבת! און בפרט נאָך אין די קורצע טעג, ווען ער זעט אַז ס׳איז שוין נאָענט צו ליכט־בענטשן, דעמאָלט איז ער מחוייב צו העלפן מיט אַלע זיינע כחות זיין ווייב און קינדער, אָדער, זיינע משרתים, כדי עס זאָל ניט קומען צו חילול־שבת.

## .4

## מ׳דאַרף הייליקן דעם שבת דורך לערנען תורה

און די קדושה פון שבת שטעלט זיך ניט צופרידן מיט רוען אַליין, אָדער מיט עסן און טרינקען אפילו לכבוד שבת. פאַראַן אין ירושלמי: שבתים און יום טובים זיינען געגעבן געוואָרן צו יידן בלויז דערפאַר, אַז זיי זאָלן אין זיי לער־נען תורה. די חכמים ז״ל האָבן געזאָגט, אַז די תורה האָט געפרעגט ביי גאָט: ווען יידן וועלן אַריינקומען אין לאַנד, וועט דער לויפן צו זיין איילבערטן־גאָרטן און דער צו זיין ווייַנגאָרטן — און וואָס וועט זיין מיט מיר? האָט גאָט ברוך הוא איר געענטפערט: דער טאָג שבת וועט זיין דיין בן־זוג. און דאָס איז אַזוי, ווייל דורך די וואָכעדיקע טעג זיינען אַלע מענטשן פאַרנומען מיט זייער מלאכה און מסחר און זיי האָבן קיין צייט ניט זיך אָפּצוגעבן רעגלמעסיק מיט תורה, נאָר שבת זיינען זיי פריי און קענען זיך אָפּגעבן מיט איר, ווי עס געהער צו זיין. און דאָ געפינען מיר אָפּענע שטראָפרייד צו יענע, וואָס זיי פאַרברענגען דעם גרעסטן טייל פון שבת׳דיקן טאָג אין די מערק און גאַסן און פוסטע שמו־עסן אין דברים בטלים. און אַזוי ווערט געפסקנט אין אורח־חיים, סימן רצ״א,

אַז פּועלים און באַלעבאַטים, וואָס האָבן קיין צייט נישט צו לערנען אינדער־וואָכן — ליגט אויף זיי אַ גרעסערער חוב שבת צו לערנען תורה, ווי אויף יענע וואָס לערנען אַ גאַנצע וואָך.

.5

## דאָס געדענקען שבת פון אינדערוואָכן

וועגן שבת שטייט געשריבן אין דער תורה „געדענקען און היטן". דאָס היטן — מיינט, זיך אָפּצוהיטן פון אַרבעט אום שבת גופא, און דאָס געדענקען גייט אויך אויף די וואָכעדיקע טעג. היינו: ווען אַ מענטש פאַרט ערגעץ צוליב געשעפט, אָדער, ער טוט עפּעס אַן אַרבעט, זאָל ער זיין פאָרזיכטיק פון אָנהייב אָן און אויסרעכענען ווי לאַנג זיין נסיעה דאַרף נעמען, ווייל אויב ער וועט וואַרטן דאָס צו באַרעכענען דעם טאָג פון ערב־שבת, וועט אים אָפטמאָל זיין פאָרזיכטיקייט אויך ניט העלפן, צוליב אַ שלעכטן וועג, אָדער צוליב עפּעס אַן אַנדער סבה. ביי די פורמאַנעס טרעפט גאַנץ אָפט, צוליב דעם וואָס זיי פוילן זיך, צו פאַרשפּעטיקן זיך אין די גרויסע שטעט פאַרן פאָרן אַהיים, און מחמת דעם קומען זיי סוף־כל־סוף צו חלול־שבת.

.6

## מ׳דאַרף וואָרענען דעם עולם וועגן שמירת־שבת

און ס׳איז ניט מער ווי רעכט, אַז די פרומע און גאַטספאַרכטיקע מענטשן זאָלן וואָרענען דעם עולם וועגן אַלע ענינים פון שבת אַז מען זאָל אין זיי נישט ווערן געשטרויכלט. און אפילו אויב יענער מענטש איז פאָרזיכטיק און אָפּגעהיט אין דער קדושה פון שבת, נאָר אויב ער קען וואָרענען און וואָרענט ניט, וועט ער אויך זיין מיטשולדיק אין זייער זינד. עס איז אַ חוב אויף די לומדים זיך ניט צו פוילן און מזרז זיין דעם עולם וועגן אָפּהיטן שבת. און כ׳האָב געזען אין א סך הייליקע קהילות וואו ס׳זיינען געגרינדעט געוואָרן חברות, וואָס ווערן אָנגערופן מיטן נאָמען „מזהירי־שבת", וואָס גייען אום איבער די מאַרקפּלעצער און איבער די גאַסן און געבן אַכטונג מ׳זאָל פאַרשליסן די קראָמען און צינדן ליכט אין צייט. און ווי גרויס איז דער זכות פון די דאָזיקע מענטשן, וואָס זיינען מזכה דעם עולם מיט אַזאַ הייליקער מצוה און אויף זיי זאָגט דער פסוק: „און די וואָס האָבן געבראַכט פיל צו גערעכטיקייט, אַזוי ווי די שטערן אויף אייביק און שטענדיק". (דניאל י״ב, ג׳) און ווי רעכט דאָס איז, אַז זיי זאָלן זיך תמיד צונויפקומען זיך האלטן אַן עצה, ווי אַזוי זיך נוהג צו זיין, אַז זיי זאָלן ניט ווערן אָפּהענטיק, ווייל, בעוונותינו הרבים זיינען פאַראַן אַ סך שטערער אין דעם דאָזיקן ענין און ס׳איז גוט, זיי זאָלן מאַכן א חיזוק אין דער דאָזיקער מצוה. און אפילו אויב ס׳זיינען פאַראַן מאַנ־

כע מענטשן, וואָס זיי וועלן דאָס ניט וועלן ליידן און זיי וועלן אים צוליב דעם מבזה זיין — זאָל אים גאָרניט ניט אָנגיין און זאָל טראַכטן, אַז ער ליידט בזיונות פאַרן כבוד פון השם־יתברך. און וועגן אזוינס זאָגט דער פסוק: „אָבער די וואָס משפטן ריכטיק, זיי איז וואויל, און אויף זיי קומט אַ ברכה פון גוטס". און מיר געפינען אויך ביי נחמיה׳ן, אַז ער וואָרנט וועגן אָפּה׳יטן שבת און איז צוליב דעם געשטאַנען אין קריג מיט די האָרן פון יהודה.

## זאב יעבץ

### .1

## די שבת׳דיקע נשמה־יתירה

... אַ קליינער טייל פון אַלע אַנדערע מצוות זיינען געגעבן געוואָרן צו די בני־נח נאָכן מבול, אַביסל פון זיי — צו די אָבות, אַלע מצוות זיינען גע־געבן געוואָרן צו די קינדער פון ישראל אויפן באַרג סיני און אויף די פּלויגעז פון מואָב, אָבער די מצוה פון שבת איז געגעבן געוואָרן איידער שעה׳ן שפּע־טער, ווי אָדם־הראשון איז געבוירן געוואָרן. אָבער די באַזונדערע קדושה פון שבת איז געגעבן בלויז צום פאָלק וואָס האָלט דעם זיבעטן טאָג הייליק, אַט די דאָזיקע טיפע ליבע צווישן פאָלק ישראל און שבת, אַ פאַרבאָרגענע ליבע וואָס קען ניט געשפּירט און געאָנט ווערן פון קיין אַנדערן, סיידן פון די דאָ־זיקע פריינט אַליין און קיין שום אַנדער מענטש קען ניט טועם זיין די שיינקייט און זיסקייט פון דער דאָזיקער באַשיידענער ליבע, ווי אונזערע חכמים זאָגן: אַלע מצוות וואָס גאָט ברוך הוא האָט געגעבן יידן האָט ער געגעבן בפרהסיא, אויסערן שבת, וואָס ער האָט זיי געגעבן באַהאַלטענערהייט, ווייל ס׳שטייט: „צווישן מיר און צווישן די קינדער פון ישראל איז דאָס אַ צייכן". און די באַ־האַלטנקייט איז די הנאָה פון יענער ליבע וואָס אַנטפּלעקט זיך בלויז צום פאָלק, וואָס האַלט דעם זיבעטן טאָג הייליק און ניט צו קיין אַנדער אומה אויף דער וועלט, און דאָס איז וואָס אונזערע הכמים האָבן גערופן מיטן נאָמען „נשמה יתירה", וואָס אויף איר ווערט געזאָגט, אַז גאָט האָט קיינעם פון די פרעמדע ניט באַקענט מיט דער נשמה־יתירה. די נשמה־יתירה איז א מין ריין ניי לעבן, וואָס קומט אריין אין מענטשן, ווען דער שבת האלט אין אַריינקומען, ווי אונד־זערע קדמונים האָבן געזאָגט: „א נשמה־יתירה האָט גאָט אַריינגעגעבן אין מענטשן ערב־שבת" „אַ ברייט אָפן האַרץ אויפצונעמען פרייד און רו" (רש״י) און דער פאָדים פון גנאָד וואָס איז געצויגען איבער דער דאָזיקער שיינער באַהעפטונג, איבערן שבת און פאָלק ישראל, איז באַשטימט בלויז פאַר דעם דאָזיקן פאָלק און דעם דאָזיקן טאָג אַליין.

## .2

# דער שבת איז אַן אָנדענק למעשה־בראשית

דאָס לשון פון רו אין די ווערטער: „וישבות", „שבת" — זאָגט עדות, אַז די דאָזיקע וועלט מיט איר גאַנצער שיינקייט און מיט איר גאַנצער פּראַכטי־קייט, מיט איר גאַנצער פולקייט און פולקאָמנהייט — איז גאָרניט, און האַלט זיך בלויז אויפן כח פון דעם, וואָס האָט געזאָגט און ס'איז געוואָרן וועלט. ער איז דער באַשעפער און ער איז די רו, אויב ער וויל האַלט ער אויף די וועלט און אויב ער וויל, קערט ער זי צוריק צום תהו־ובהו. ניטאָ קיין אייביקער קיום ווי בלויז גאָטס קיום. און וויבאַלד אַזוי, וויבאַלד אַלץ האַלט זיך אויף זיין וואָרט און ער אליין איז אייביק און קיין אַנדער הויה מיט אים איז ניטאָ, קען דאָך קיין זאַך זיך ניט שטעלן אַנטקעגן אים, און קיין צוואַנג איז ניטאָ און איז כלל וכלל ניט מעגלעך, און אַלץ וואָס ער האָט באַשאַפן האָט ער באַשאַפן פון זיין כבוד וועגן, און אַלץ וואָס ער האָט געמאַכט האָט ער געמאַכט בלויז פון ליבע, און פון דער דאָזיקער פּראַכטיקייט, פון דער פּראַכט פון פרייהייט און די פּאָטענץ צו טאָן אַרבעט און אויפהערן, צו אַרבעטן און רוען לויט זיין רצון און אָן שום צוואַנג — האָט גאָט געגעבן בלויז צום מענטשן, וואָס בלויז אים אַליין האָט ער באַשאַפן אין זיין געשטאַלט, און וויל די פרייהייט, וואָס גאָט האָט געגעבן דעם מענטשן אויסצוויילן די אַרבעט וואָס ער וויל טאָן, איז דער עיקר פון אַלע עיקרים אין אונדזער תורה, דעריבער האָט ער אונדז געגעבן דעם שבת, וואָס איז אַ זכר למעשה־בראשית.

און דעריבער איז די מצוה פון שבת, וואָס איז צוויי טויזנט יאָר פריער פאַר מתן־תורה, געוואָרן ניט בלויז דער יסוד פון דער גאַנצער תורה, נאָר זי ווערט באַטראַכט ווי דער גרעסטער רוב פון דער תורה, און לויט די רייד פון אונדזערע חכמים איז טייערער דער שבת אָן די אַנדערע מצוות, איידער אַלע אַנדערע מצוות אָן שבת, ביז ס'איז זיי אַרויסגעקומען פון מויל: „ווען ער וואָלט אונדז געגעבן דעם שבת און וואָלט אונדז ניט דערנענטערט צו באַרג סיני וואָלט אויך געווען גענוג". און אַזוי האָט דער רמב"ם ז"ל גוזר געווען: „שבת און עבודה־זרה, יעדער איינער פון זיי איז וואָגיק אַנטקעגן אַלע אַנדערע מצוות". (יד החזקה, שבת ט') ס'הייסט: אַזוי ווי דער וואָס דינט צו עבודה־זרה רייסט אויס די גאַנצע תורה, אַזוי איז דער וואָס היט שבת איז מקיים די גאַנצע תורה.

## יצחק ניסנבוים

### .1
# דער כח פון שבת

אויב דער כח פון אלע אַנדערע יום־טובים איז גרויס, ווען זיי ווערן אָפּגעהיט ווי ס׳דאַרף צו זיין, מיט זייער השפעה אויף אונדזער הויז און אונדזערע קינדער אין גייסט פון דער תורה, איינצופלאַנצן אין זיי גוטע מידות, שטאַרקן זייער אידעאַליזם און זיי צו פאַרבינדן מיט אונדזער פאָלק און זיינע הייליקטימער — איז אָבער דער כח פון שבת נאָך פיל שטאַרקער, ווען ער ווערט אָפּגעהיטן לויטן דין דורך זיין פולשטענדיקער רו און דורך זיין רעגל־מעסיקייט וואָך־איין, וואָך־אויס. דער שבת איז די כלי וואָס אַנטהאַלט די נשמה פון יידנטום, די נשמה פון דער אומה. אָט דאָס האָבן דערשפּירט אונדזערע שונאים און צוררים, וואָס האָבן געוואָלט אונדז אומברענגען פון דער וועלט און האָבן גוזר געווען, אַז מיר זאָלן ניט היטן שבת און אונדז געצוואונגען אים מחלל צו זיין. און דאָס האָבן אויך אונדזערע עלטערן פאַרשטאַנען און זיי האָבן זיך מוסר־נפש געווען אויף דער קדושה פון שבת, און דער שבת איז אויפגעהאַלטן געוואָרן אין זייערע הענט, און זיי זיינען אויפגעהאַלטן געוואָרן דורכן שבת. דער שבת איז געווען די דערבאַרעמדיקע מוטער, וואָס אין איר שויס האָט דער געיאָגטער און געפּלאָגטער זון געפונען אַן אָפּרו פאַר זיין נשמה — און ער האָט ווידער אויפגעלעבט. די ריינקייט פון אונדזערע מידות, גערעכטיקייט און יושר, דאָס זיך אָפּגעבן מיט קהל׳שע ענינים, עניוות און ברידערלעכקייט, וואָס די רייכע האָבן אַרויסגעוויזן צו די אָרעמע, דאָס גאַנצע ריינע לעבן, וואָס האָט געשטראָמט אין יעקבֿ׳ס געצעלטן אין די אַמאָליקע צייטן — האָבן אַרויסגעקוועלט פון קלאָרן קוואַל פון שבת, וואָס האָט געמאַכט די שכינה רוען אין הארצן פון פאָלק.

### .2
# שבת און זיינע מנהגים

די מנהגים, ווי יידן זיינען זיך נוהג אום שבת, האָבן אַלע איין ציל: צו לייטערן און ריייניקן דעם יידן פון שמוץ, וואָס האָט זיך צוגעקלעפּט צו אים דורך די זעקס אַרבעט־טעג, קלאָר צו מאַכן און פאַרשענערן זיין נשמה, וואָס איז דורך דער וואָך געוואָרן שוואַרץ ווי סאַזשע, ביז זי זאָל קענען זאָגן: „שוואַרץ בין איך — אָבער שיין, שוואַרץ דורך די זעקס אַרבעט־טעג, אָבער שיין אין שבת“. און אויך אַריינצוגעבן אין אים אַ נשמה־יתירה, דאָס איז די נשמה פון גאַנצן פאָלק, אַז ער זאָל ניט שפּירן אין זיך קיין שום איינזאַמקייט. די דאָזיקע נשמה־יתירה, וואָס קומט אַריין אין אים אין טאָג פון שבת, גיט אים גייסטיקע שטאַרקייט, אַז זיין פּרנסה זאָל אים ניט אָוועקנעמען פון די נויטן פון זיין פאָלק, און אים ניט אַראָפּפירן פון וועג און פון זיין גאָט.

# הרב א. י. קוק

## 1.

## דער זכות פון שבת איז דער וועג צו גאולה

וואָס איז דער פּירוש, וואָס מיר זאָגן, אַז גאָט־ברוך־הוא האָט אונדז אָפּגעשיידט פון אנדערע פעלקער? דער פּירוש איז, אַז נאָך אונדזער גרויסער צעוואָרפנקייט צווישן אנדערע פעלקער, לעבן מיר נאָך אַלץ מיט אונדזער האָפ־נונג און זען די שפּראָצן פון גאולה, און דאָס איז אין אונטערשייד פון אַלע פעלקער, וואָס פיל פון זיי זיינען אָפּגעווישט געוואָרן פון דער וועלט. און דאָס איז דער געדאַנק פון פּסוק: „און די פאַרבייגייער זאָגן ניט: גאָטס ברכה אויף אייך". (תהלים קכ״ט, ח׳) — דאָס זיינען די אומות, וואָס גייען אַוועק פון דער וועלט, דערפאַר וואָס זיי האָבן ניט קיין אייביקן בונד, דאָס איז די קדושה פון שבת, וואָס ווערט דערמאָנט צוערשט אין פּרשה בראשית, ווייל דער צענט־ראַלער פּונקט פון שבת איז, אַז די וועלט וואָס איז באַשאַפן געוואָרן דורכן רצון פון קוואַל פון גערעכטיקייט, זאָל סוף־כל־סוף קומען צו דער פאַרהאָפטער גע־רעכטיקייט. און דער צווייטער סימן פאַר דער דערפילונג פון דער האָפנונג אויף דעם גרויסן ליכט, וואָס וועט סוף־כל־סוף דערשיינען, איז דער אָנדענק פון יציאת־מצרים. די מצוה פון שבת ווערט איןביידע לוחות באַגלייט מיטן געדיינקען פון וועלט־באַשאַף און יציאת־מצרים, וואָס זיינען פאַרבונדן צוזאַ־מען און דורך זיי ביידע זיינען מיר בטוח אין גאולה און גערעכטיקייט, אַז זיי מוזן דערשיינען. און ווען יידן וואָלטן אָפּגעהיט דעם ערשטן שבת, ווי ס׳געהער צו זיין, וואָלט קיין אומה ולשון אויף זיי ניט געהאַט קיין שליטה. און אויך היינט — איז דער וועג צו גאולה דער זכות פון שבת. ווייל אויב מיר וועלן אָפּהיטן שבת, וועלן אַלע פעלקער פון דער וועלט איינזען, אַז גאָטס נאָמען איז גערופן איבער אונדז, און זיי וועלן זען אין דעם אַ יראת־הכבוד און דער־הויבונג.

## 2.

## דער צייכן פון שבת

דער צייכן פון שבת איז אָפּגעשטעמפּלט אין אונדזער אינדיווידועלן כאַראַקטער. און זאָלן די מחללי־שבת, וואָס קומען ארויס פון אונדז, ניט מיינען, אַז זיי קענען פאַרלייקענען פון זיך אַליין דעם דאָזיקן צייכן, ווייל דער צייכן איז פאַר׳חתמ׳עט אי׳ן דער טיפעניש פון דער נשמה. זייער גאַנץ אינערלעך וועזן מאָנט ביי זיי די אַנטפּלעקונג פון דעם דאָזיקן צייכן. זייער פאַרחלש׳טע נשמה ליידט אירע ווייטאָקן, און סוף־כל־סוף וועט זייער נשמה מנצח זיין. נאָך אַלע גרויסע ליידן מוז אַלץ זיך אומקערן צו זיין מקור: „און די קינדער פון ישראל זאָלן היטן שבת", און כל־זמן זיי קערן זיך ניט אום צום מקור, קעמפן זיי מיט זיך אַליין, זיך אַליין שלאָגן זיי און זיינען זיך אַליין מבזה.

### .3

## דאָס דערוואַכן פון וואָכעדיקן לעבן

דער יחיד, דערוואַכט פון זיין וואָכעדיקן לעבן דורך אָפטע איינגע־שטעלטע צייטן, יעדן שבת. „קומט שבת — קומט רו". דער גייסט באַפרייט זיך פון זיינע קייטן און זוכט העכערע וועגן, גייסטיקע קנינים, לויטן טבע פון זיין מקור... אַ הייליקער טאָג, אין וועלכן עס אַנטפּלעקט זיך די נטיה פון פאָלק, די נטיה צו אַ געטלעך לעבן, ווי עס דריקט זיך אויס דורך די יחידים — איז אַ צייכן פאַר דער פאָלקס נשמה, אַז זי האָט דאָס באַדערפעניש און דראַנג צו גאָט, און די געטלעכע ליבשאַפט, וואָס קאָנצענטרירט זיך אין איין גייסטיקן פונקט פון דער נשמה־יתירה, רוט אין איטלעך האַרץ פון אירע קינ־דער.

### .4

## ערב־שבת און מוצאי־שבת דאַרף דער מענטש טאָן תשובה

ערב שבת־קודש דאַרף אַ מענטש טאָן תשובה אויף אַלץ וואָס ער איז באַגאַנגען דורך די וואָכעדיקע טעג, כדי אויפצונעמען די קדושה פון שבת אָן קיין שום מניעה פון זינד און פאַרברעך. און שבת־צו־נאַכט דאַרף מען ווידער תשובה טאָן, אַז דער תוכן פון שבת׳דיקער באַלייכטונג, זאָל זיין ריין אָן שום צומיש פון שאטן, ווייל יענע זאַכן, וואָס ווערן בטל צוליב דער קדושה פון שבת און קענען צוליב דעם ניט ווירקן און טאָן שאָדן, זאָלן ניט שטערן דעם גאַנג פון כשרות פון די וואָכעדיקע טעג, וואָס האָבן ניט יענע באַשיצונג.

## ר׳ משה אביגדור עמיאל

## דער אונטערשיד צווישן דעם יידישן שבת און דעם גויישן טאָג פון רו

מיר היטן דעם טאָג שבת — און זיי — דעם ערשטן טאָג. פאַרן יידנטום איז אוממעגלעך צו האַלטן הייליק אַן אַנדער טאָג ווי דעם זיבעטן, דעם לעצטן טאָג אין וואָך און ניט דעם ערשטן. ווייל מיר דאַרפן האָבן די „צוגרייטונג פון דער תורה", און כדי צו קומען צו דער קדושה פון איין טאָג — מוזן מיר זיך גרייטן גאַנצע זעקס טעג, און דאַן, בלויז דאַן, וועט די קדושה קומען...

ביי אונדז, וואָס אונדזער שבת איז קודש, באַווייזט דער סדר פון דער וואָך אויף דער דערנענטערונג פון קדושה. און ווען דער ערשטער טאָג איז נאָך ווייט פון קדושה, די קדושה פון שבת, גאַנצע זעקס טעג, איז שוין דער

צווייטער טאָג אָפּגערוקט פון קדושה בלויז אויף פינף טעג, און ביי די אַנדערע — איז דאָס פונקט להיפך...

און דאָס כנסת־ישראל איז דער בן־זוג פון שבת, וואָס זיין גאַנצער תוך איז געבויט אויף „בעסער דער סוף פון אַ זאַך איידער איר אָנהייב״ (קהלת ז׳, ח׳) און זיינע אויגן זיינען תמיד אויפגעהויבן צום „עס וועט זיין אין סוף פון די טעג״... (ישעיה ב׳, ב׳).

ווען מ׳הויבט אָן מיט וואָכעדיקייט און מען ענדיקט מיט הייליקייט, ווי מיר זיינען זיך נוהג, באַווייזט עס, אַז וואָכעדיקייט איז דער מיטל און היי־ליקייט איז דער צוועק, ווייל דער צוועק קומט אַלעמאָל צום סוף. אָבער ווען מ׳הייבט אָן מיט קדושה און מען ענדיקט מיט חולין, באַווייזט עס פאַרקערט, אַז די גאַנצע קדושה איז ניט מער ווי אַ מיטל צום חולין.

## פּראָפ. הערמאַן כהן

# וועגן שבת

גאָטס ליבע צום מענטשן — האָט דער מאָנאָטעאיזם געבראַכט צו אַנט־פּלעקונג דורך אַ געהויבענעם געזעץ, וואָס איז געוואָרן אַ פונדאַמענטאַל־גע־זעלשאַפטלעכער געזעץ פון אַלע אייראָפּייאישע פעלקער. ווען די קריסטלעכע קירך זיך אָפּרייסנדיק פון איר יידישן מקור, האָט געענדערט דעם באַדייט פון דעם דאָזיקן געזעץ, האָט זי ניט בלויז דורך דער דאָזיקער ענדערונג גורם גע־ווען זיך אָפּצורייסן רעליגיעז פון יידנטום אין איר געזעלשאַפטלעכן שורש, נאָר זי האָט אויך אָוועקגענומען פון געזעץ גופא זיין געזעלשאַפטלעכן מאָראַלן ווערט. דאָס דאָזיקע געזעץ איז דאָס געזעץ פון שבת, וואָס דאַרף באַטראַכט ווערן פאַרן תמצית פון מאָנאָטעאיסטישער עטיק.

און אויך די מחלוקה פון „באַבעל־ביבעל״ האָט נאָך אַמאָל באַוויזן, אַז די כוונה פון דאָזיקן געזעץ לעבט כלל וכלל ניט אין גייסט און אין האַרצן פון דעם מענטש פון דער נייער גענעראַציע. און ס׳איז דאָך צום שטוינען, ווייל די גאַנצע סאָציאַלע פּאָליטיק שטרייכט דאָך אונטער די דאָזיקע כוונה, און נאָכמער, באַשיינפּערלעך, די כוונה פון דאָזיקן געזעץ. און פונדעסטוועגן, יע־נע וואָס משפּטן וועגן שבת גיבן זיך בלויז אָפּ מיט דער איינטיילונג פון די טעג פון וואָך און זיי מיינען, אַז זיי האָבן דורך דעם אַ גענוגנדע סיבה צו באַ־קעמפן די אָריגינאַליטעט פון דער דאָזיקער יידישער אינסטיטוציע, ווייל אין בבל איז אויך געווען איינגעשטעלט די וואָך און ס׳איז געווען געווידמעט צו איר אַ יום־טוב, הגם אַ יום־טוב וואָס האָט זיך געביטן פון וואָך צו וואָך. אָבער נאָך מאָווערס אַלע חקירות און כריסטיאַן באוער׳ס אָפּהאַנדלונג וועגן שבת

און יום־טוב איז דאָך ניטאָ קיינער וואָס זאָל צווייפלען, אַז דאָס איינשטעלן פון לוח לויט די זיבן באַגלייט־שטערן איז ניט קיין יידישע דערפינדונג. און אפילו ווען ס׳וואָלט געווען אַ יידישע דערפינדונג, שטעקט נאָך אַלץ ניט אין דעם קיין מאָנאָטעאיסטישע אינסטיטוציע. אין אַזאַ אינסטיטוציע איז ער פאַרוואַנדלט געוואָרן בלויז נאָכדעם ווי די נביאים האָבן זיך באַנוצט מיט דער איינטיילונג פון דער באַבילאָנישער וואָך, וואָס איז אָנגענומען געוואָרן, און זי געמאַכט פאַרן ווינקלשטיין פון זייער סאָציאַלער עטיק. אָט דער דאָזיקער ווינקל׳שטיין — איז שבת.

די צוויי טעמים פאַר דעם דאָזיקן געזעץ, וואָס מיר געפינען אין די עשרת־הדברות — זיינען קלאָרע עדות אויף דעם פונדאַמענטאַלן ווערט פון שבת. אין ספר שמות ווערט געזאָגט: „זאָלסט געדענקען דעם טאָג שבת, אים צו האלטן הייליק. זעקס טעג זאָלסטו אַרבעטן און טאָן גאָר דיין אַרבעט און דער זיבעטער טאָג איז שבת פאַר גאָט דיין גאָט. דו זאָלסט ניט טאָן קיין שום אַרבעט, דו און דיין זון און דיין טאָכטער, דיין קנעכט און דיין דינסט און דיין בהמה און דיין פרעמדער וואָס אין דיינע טויערן. ווייל זעקס טעג האָט גאָט באַשאַפן דעם הימל און די ערד, דעם ים און אַלץ וואָס אין אים, און גערוט אויפן זיבעטן טאָג. דעריבער האָט גאָט געבענטשט דעם זיבעטן טאָג און אים געהייליקט״. דאָ געפינסטו שוין די מצוה מכח דאָס רוען פון קנעכט און דינסט, נאָר דאָס רוען איז ניט דער טעם פאַר דעם געזעץ, ווייל דער טעם פון דעם געזעץ איז גאָטס רוען פון דער אַרבעט, ווי אין דער דערציילונג פון דער יצירה. (בראשית ב׳, ג׳) אָבער אויך לויט דעם דאָזיקן טעם, ווערט שוין דער שבת באַטראַכט ווי די השלמה פון דעם וועלט־באַשאַף. קיין ספק ניט, אַז גאָט׳ס רו — מיינט, די פאַרפולקאָמונג פון זיין ווערק.

נון, אין ספר פון משנה־תורה (דברים) אַנטפּלעקט זיך ספּעציעל דער פולער כאַראַקטער פון דאָזיקן געזעץ ווי אַ סאָציאַל־עטישער. אַחוץ דעם שינוי פון דער אזהרה פון „לא תחמוד״, איז אין נוסח פון די עשרת־הדברות פון דאָזיקן ספר ניטאָ קיין ענדערונג, אַחוץ נאָר אין געזעץ פון שבת. ווייל באַלד נאָכדעם ווי ער רעכנט אויס די מענטשן און בהמות אויף וועלכע דאָס געזעץ איז חל, פירט ער אויס: „כדי דיין קנעכט און דיין דינסט זאָלן רוען, ווי דו אַליין. און דו זאָלסט געדענקען, אַז אַ קנעכט ביסטו געווען אין לאַנד מצרים און גאָט דיין גאָט האָט דיך אַרויסגעצויגן פון דאָרטן מיט אַ שטאַרקער האַנט און אויסגעשטרעקטן אָרעם. דעריבער האָט גאָט, דיין גאָט דיר באַפוילן צו מאַכן דעם שבת.״ (דברים ה׳, י״ד) אויך דאָס וואָרט ווי ער הייבט אָן איז דאָ פאַרענדערט געוואָרן: דאָרטן שטייט „זכור״ און דאָ שטייט „שמור״. און בעת אין די ערשטע דברות שטייט געשריבן „דעריבער האָט גאָט געבענטשט דעם טאָג שבת״ גייט דאָס וואָרט „דעריבער״ אויף דער מצוה, וואָס מיר האָבן אויבן דערקלערט דעם טעם פאַר איר: „כדי עס זאָל רוען דיין קנעכט און דיין דינסט

ווי דו אַליין". דאָס וואָרט „ווי דו אַליין" געפינסטו אויך אין דער מצוה פון ליב האָבן דיין חבר.

לערנען מיר דערפון, פון דאָזיקן ליטעראַרישן פאַקט אַליין, פון דער אַנדערשקייט פון די טעקסטן וואָס אין די ערשטע און די צווייטע דברות און בנוגע דעם דאָזיקן געזעץ און זיינע טעמים, אַז ס'איז קלאָר אָן שום ספק, אַז דער צוועק פון שבת איז אויפצוהאַלטן גלייכקייט צווישן מענטשן, צו איגנאָרירן דעם אונטערשיד פון זייער געזעלשאַפטלעכן מצב. און דער דאָזיקער באַדייט פון שבת, וואָס איז אויף דעם אופן אונדז קלאָר גאָר אָן שום ספק, איז אַ טרייער עדות אויף דער פונדאַמענטאַלער עטיק פון געדאַנק פון אַן איין און איינציקן גאָט און זיין עטישער אָריגינאַליטעט.

געוויס איז דאָס אַ זעלטענע דערשיינונג צו געפינען אין געזעלשאַפט־לעכע רעפאָרמען אָריגינאַליטעט, אָבער דאָ געפינסטו זי גאָר אָן אַ שום ספק. דער פּרואוו זי אָפּצולייקענען איז דורכגעפאַלן. און צו דער דאָזיקער אָריגי־נאַליטעט האָט געקענט גרייכן בלויז דער פאָלקס־גייסט נאָך דעם ווי ער האָט זיך באַהאַפטן מיטן באַגריף פון גאָט, וואָס איז אויך איינאונאיינציק אין דער וועלט־געשיכטע. דער שבת דינט ווי אַ קלאָרע איבערצייגנדיקע באַשטעטי־קונג פון דעם מאָראַלישן ווערט פון מאָנאָטעאיזם. און כדי צו וואַרפן אויף אים ליכט, וועלן מיר זיך דאָ אָפּשטעלן אויף יענעם פונקט, וואָס אין אים אַנטפּלעקט זיך גאָטס ליבע צו דעם מענטשן. דער שבת איז דער תמצית פון דער דאָזיקער געטלעכער ליבשאַפט. אויך ער איז בעצם און גאָר צוערשט געגעבן געוואָרן צום יידישן פאָלק, נאָר די פעלקער האָבן אים איבערגענומען נאָכדעם ווי זיי האָבן געגעבן דערפאַר אַ דאָגמאַטישן טעם, וואָס איז אַנדערש פון דעם טעם פון גאָט'ס רוען נאָך דער אַרבעט פון וועלט־באַשאַף. אַזוי צי אַזוי, נאָר די דאָזיקע אינסטיטוציע איז געוואָרן אַ געזעץ פאַר דער גאַנצער וועלט, על־כל־פּנים ביי די אייראָפּייאישע פעלקער. אוןווירקליך, אין שבת זיינען קאָנצענטרירט און פאַראייניקט אַלע דרכים פון גאָט'ס ליבשאַפט.

און דעריבער איז דער שבת געוואָרן ביי די נביאים אין די מיילער ווי אַ סימבאָל פון עטישקייט. „וואָס היט שבת אים ניט צו פאַרשוועכן און היט זיין האַנט ניט צו טאָן קיין שום בייז". (ישעיה נ"ו, ב') ישעיה פאַרגלייכט אַלזאָ דאָס היטן פון שבת ווי דאָס אָפּהיטן פון מאָראַל. און נאָך מער, ישעיה לערנט, ווי אַזוי זיך צו פרייען שבת: „און דו זאָלסט רופן שבת א תענוג" (דאָרט, נ"ח, י"ג) ווי דער נביא וואָלט געוואָלט זאָגן: דער מענטש איז מחויב צו באַטראַכטן דעם טאָג שבת ניט בלויז ווי אַ פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכן רע־פאָרם, נאָר אויך ווי דאָס העכסטע הויך פון רעליגיעזער כוונה. און ירמיה דערקלערט דעם געזעלשאַפטלעכן באַדייט פון שבת, וואָס קלערער קען ניט זיין: „און איר זאָלט ניט אַרויסטראָגן קיין משא פון אייערע הייזער אין טאָג פון שבת". (ירמיה י"ז, כ"ב) גאָט'ס ליבשאַפט צום מענטשן אַנטפּלעקט זיך

אין טאָג שבת פון זיין רחמנות אויפן מענטשן, וואָס ער האָט אים אַרויסגע־טריבן פון גן־עדן צו טאָן אַרבעט. דער שבת איז מבטל בתכלית הבטול דעם אונטערשייד צווישן מענטשן, וואָס איז אַנטשטאַנען צוליב זייער אַרבעט אפילו דער אַרבעטער ווערט יענעם טאָג זיין אייגענער באַלעבאָס. די וואָך און וואָכיקע רו אין אַ באַשטימטן טאָג פאַרוואַנדלט דעם אַרבעטער אין אַ האַר.

דער שבת איז געוואָרן דער באַשיצער און פאַרטיידיקער פון יידישן פאָלק, וואָס האָט צו זיך קיין גלייכן ניט. דורך די גאַנצע לאַנגע יאָרן פון מיטלאַלטער האָבן זיי געלעבט כמעט ווי שקלאַפן. כמעט ביז צום היינטיקן טאָג איז דער דאָזיקער מצב נאָך ניט אינגאַנצן פאַרשוואונדן. אָבער ווי נאָר די שבת־ליכט זיינען אָנגעצונדן געוואָרן האָט דער ייד, דער זון פון געטאָ, אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם טאָג־טעגליכן יאָך און זיך אָפּגעטרייסלט פון דער הרפה פון שפלות און קנעכטשאַפט. גאָט׳ס ליבשאַפט, וואָס האָט אים יעדן זיבעטן טאָג געבראַכט דעם שבת, האָט אין זיין אָרעמע וואוינונג צוריקגע־קערט זיין כבוד און זיינע מענטשלעכע רעכט.

די געלערנטע פירן נאָך אַלץ ויכוחים ביז היינטיקן טאָג, מאַכן זיך צום נאַרן און פאַרשטייען ניט די לעצטע אורזאַך, וואָס האָט גורם געווען, וואָס יידן עקזיסטירן נאָך ביז צום היינטיקן טאָג. זיי ווילן ניט אָנערקענען, אַז די דאָ־זיקע לעצטע אורזאַך איז איינגעשלאָסן אין דעם אמת פון אַן איינציקן גאָט, און זיינען תולה די זאַך אויף דער תורה און מצוות, וואָס זיינען ביי זיי אין די אויגן ניט מער ווי פאָרמאַליטעטן, וואָס באַזיצן ניט קיין שום גייסטיקייט און דעריבער איז ביי זיי ניט מער ווי רעכט דאָס מבזה צו זיין.

אָבער דער אמת איז, אַז דער שבת איז דער אמת׳ער און אינערלעכער פאַרשטייער פון דער תורה. און דורכן שבת האָט די תורה אין איינקלאַנג מיטן איינציקן גאָט, וואָס האָט ליב דעם מענטשן, אויפגעהאַלטן אויף דער וועלט אויך די יידישקייט און אויך די יידן. ביידן איז געגעבן געוואָרן דאָס שליחות צו פאַרשפרייטן דעם מאָנאָטעאיזם אויף דער ערד, צו פאַרטיפן זיין באַדייט און זיין גייסט, און איינוואָרצלען עכטע מענטשן־ליבע צווישן די אומות־העולם. דורכן שבת איז דער גאָט פון חסד אַנטפּלעקט ווי דער איינציקער און איינער גאָט פון ליבע.

מיר האָבן געפרעגט, וואָס איז דער כאַראַקטער פון דער געטלעכער ליבשאַפט, און אויף דער דאָזיקער פראַגע האָבן מיר איצט געפונען אַן ענט־פער. דאָס רחמנות אויף די אָרעמע, וואָס גאָט האָט דערוועקט אין אונדזערע הערצער דורך זיינע מצוות, איז פאַר אונדז אַ קלאָרער יסוד פאַרן באַדייט פון גאָט׳ס ליבשאַפט. דער שבת האָט אַראָפּגענומען פון מענטשן דעם קלאָגלעכן אויסזען פון אומפרייהייט און אומגלייכהייט. אַזוי ווי גאָט האָט אונדז געגעבן די מידת־הרחמים פאַר מענטשן, דורך וואוילטעטיקע מעשים מיט די אָרעמע, אַזוי האָט ער דורך דער דאָזיקער געזעלשאַפטלעכער רעפאָרם אונדז אַנט־

פלעקט זיין ליבע צום מענטשן. די דאָזיקע געטלעכע ליבע איז דער שטערן־וועג־ווייזער אין דער וועלט־געשיכטע, אַז מ׳טאָר זיך ניט מיאש זיין פון איר באַשטימטן ענדציל, ווייל זי איז נאָך יונג אין יאָרן. „ווייל טויזנט יאָר ביי דיר אין די אויגן איז ווי דער נעכטיקער טאָג". (תהלים צ׳, ד׳) די וועלט־געשיכטע האָט זיך נאָר־וואָס אָנגעהויבן; זיינען דאָך נאָך קיין דריי טויזנט יאָר ניט אַריבער זינט דער צייט פון משה און די נביאים. און אַזוי הויבט איצט אָן דער מאַנאָטעאיזם גיין זיין וועג, זיין אייביקן וועג, וואָס איז פאַר אים באַשטימט געוואָרן. דער מאַנאָטעאיזם איז די אמת׳ע טרייסט אין דער מענטשלעכער געשיכטע.

(רעליגיאָן דער פערנונפט, זייטן 181—185)

דער שבת, וואָס איז דער צענטראַלער פונקט פון אַלע יום־טובים, שטייט אויף דער גרענעץ, וואָס טיילט פאַנאַנדער צוויי וועלט־אַנשויאונגען, לויט איין אַנשויאונג איז ער דער סימבאָל פון באַשאַף אין זיין ענדגילטיקער פאַרפולקאָמונג, און לויט דער צווייטער וועלט־אַנשויאונג, איז ער דער סימבאָל פון אַלגעמיינע מענטשלעכע רעכטן, דער סימבאָל פון קנעכט־באַפרייאונג.

(דאָרט, זייט 401)

דער עיקר פון שמירת־שבת איז אַ צייכן פון געדיינקען פון דער געזעלשאַפטלעך־עטישער לערע פון יידנטום און אַ פּראָטעסט קעגן פאַרוואַנדלען דעם שבת פאַר אַ טאָג פון אָנדענק פון קריסטוסעס תחית־המתים. אָט די דאָזיקע פאַרוואַנדלונגען, וואָס געבן אָן אַנדער מיין צו דעם באַדייט פון שבת, איז האַרבער ווי דאָס אָפּשטויסן דעם שבת אויף אַן אַנדער טאָג.

(דאָרט, 432)

דער שבת דינט אויך ווי אַ צייכן פון שלום, ווי אַלע יום־טובים, און איז אַ אינסטיטוציע פון עכטער לעבנס־פרייד, פון געזעלשאַפטלעכער שמחה צווישן מענטשן. ווען דאָס יידנטום וואָלט געבראַכט אויף דער וועלט ניט מער ווי דעם שבת, וואָלט עס דורך דעם אַליין זיך שוין אַנטפּלעקט, ווי אַ ברענגער פון שמחה און ווי אַ שלום־מאַכער ביי דער מענטשהייט. דער שבת האָט געמאַכט דעם ערשטן טריט, וואָס האָט גורם געווען אָפּצווישן קנעכטשאַפט. אָבער דער שבת האָט אויך געמאַכט דעם ערשטן טריט, וואָס לערנט, ווי אָפּצושאַפן די איינטיילונג פון אַרבעט אין צוויי קאַטעגאָריעס, גייסטיקע אַרבעט און פיזישע אַרבעט. דער שבת איז אַ צייכן פאַר דער שמחה וואָס וועט אַמאָל קומען אויף מענטשן, ווען אַלע מענטשן וועלן זיין פריי און פאַרשקלאַפט אין אַ גלייכער מאָס און וועלן אַנטייל נעמען אין אַ גלייכער מאָס אין תורה און חכמה, אין פאַרשן און וויסן, און אויך אין פיזישער מי צו געפינען זייער ברויט. וויבאַלד ס׳איז געלונגען דעם שבת איינצונעמען די וועלט, לאָזט שוין דער דאָזיקער זיג אונדז ניט פאַרלירן די האָפנונג און דעם בטחון, אַז די דאָ־

זיקע פרייד איז ניט קיין פוסטע פאַנטאַזיע, און אַז דער שלום, וואָס רייסט זיך דורך פון דער פרייד ווי אַ ליכטיקער שטראַל איז אַ כח פון די עלעמענטאַרע־כחות פון דער מענטשלעכער משפחה און אַזוי וועט דאָס זיין אויף אייביק...

פאָרוואָר, ס'איז א וואונדער, אַז מיט אַלע פּורעניות, וואָס האָבן זיך געשאָטן אויף יידן פון דור־דורות, האָט זיך אויפגעהיט אין אים א גייסטיקער גלייכגעוויכט און אַ עכטער הומאָר, וואָס אָן זיי וואָלט ער ניט געקענט זיך אויפהייבן פון דער טיפער געפאַלנקייט צו אַ הויך פון שטאָלץ און כבוד, אָט דעם דאָזיקן וואונדער האָבן אויפגעטאָן אונדזערע יום־טובים. דורך שבתים און יום־טובים האָט די שמחה געהערשט אין געטאָ, זיך ניט אומצוקוקן אויף די גרויסע צרות, וואָס האָבן דורך דער וואָך פאַרביטערט דעם יידנס לעבן. די שמחה פון יום־טוב איז געוועזן אַ רעליגיעזע מצוה און דעריבער איז זי געוואָרן אַ שטאַרקער לעבנס־כח אין דעם יידישן באַוואוסטזיין.

(דאָרט 41־540)

די ערשטע באַפעלן, וואָס זיינען געגעבן געוואָרן צו די יידן, נאָכדעם ווי זיי זיינען אַרויס פון מצרים זיינען געוועזן די באַפעלן פון מרה: „דאָרט האָט ער אים געמאַכט חוקים און משפטים". (שמות ט"ו, כ"ה) די יידישע מסורה האָט געדרשנ'ט: „חק — מיינט שבת און משפט — דאָס זיינען די דינים". דורך שבת און דורך דין האָט זיך אַנטפּלעקט דער גאָט פון גערעכטיקייט, דער בונד צווישן שבת און צווישן די משפטים מאַכט אונדז קלאָר איינזען דעם בונד צווישן ערדישן משפט און צווישן דער געטלעכער גערעכטיקייט. שבת — איז דאָס ערשטע ווערק פון גערעכטיקייט. שבת און משפט זיינען פאַרפלאָכטן צוזאַמען.

(שריפטן וועגן אידנטום, ד' 145)

ווען די יידישע נביאים וואָלטן ניט געלערנט, אַז דער מענטש איז אַ תכלית פאַר זיך אַליין און ווען זיי וואָלטן זיך ניט מוסר־נפש געוועזן פאַר זייער דאָזיקער לערע, — וואָלטן זיי ניט ווערט געווען באַטראַכט צו ווערן ווי די גרינדער פון עכטער פּאָליטישער מאָראַל, און זייער אויפטו — די געזעלשאַפטלעכע געזעצגעבונג, וואָס איז איינגעטאָן אין די פינף חומשים פון דער תורה, חשוב'סטע שאַפונג פון געזעלשאַפטלעכע עטיק אויפן יסוד פון אידעאַליזם, — איז ניט געבליבן אַ פוסטער חלום. דער שבת האָט אַרויפגע־לייגט זיין הערשאַפט אויף דער גאַנצער וועלט: דער שבת איז געוואָרן דער סימבאָלישער געדאַנק, אַז דער מענטש איז אַ תכלית פאַר זיך אַליין אפילו אין דער בחינה פון אַן אַרבעטער, וואָס פאַרלירט ניט זיין תכלית בלויז דורך דעם, וואָס ער ווערט אַ שרייפל אין דער קולטור־מרכבה, נאָר ער האָט א חלק אין דער גאַנצער ברייט און גאַנצן היקף פון דער קולטור, וואָס איז געגעבן געוואָרן צו יעדן מענטשן וואָס איז באַשאַפן אין גאָטס געשטאַלט. און דו

קענסט ניט זאָגן, אַז דער סימבאָל פון שבת, וואָס איז אויסגעדריקט אין פסוק „כדי עס זאָל רוען דיין קנעכט און דיין דינסט ווי דו אַליין" (דברים ה׳ י"ד) איז ווייניק קלאָר פון אַ פילאָזאָפישן באַגריף; דער כוח פון דאָזיקן פסוק אין פּראַקטישן לעבן איז געוויס ניט ווייניקער פון דעם. אגב, מאַכט אַ פאַרגלייך, אַז דאָ איז געזאָגט געוואָרן מיטן אייגענעם לשון ווי מכח דער ליבשאַפט צו דיין חבר: ווי דיך אַליין.

(דאַרט, ז׳ 255)

# פּראָפ. דוד ניימאַרק

## פון „תולדות העקרים בישראל"

אין די לעצטע דורות פון מלכות־יהודה האָבן די ביידע פּראַקטישע מצוות פון שבת און מילה באַקומען אַ גרויסע באַדייטונג, אין באַצוג צום פרעמדן וואָס האָט געוואָלט זיך באַהעפטן מיטן יידישן פאָלק — אַ ווערט פון פּראַקטישע עיקרים.

די מצוה פון שבת איז געוועזן פון גרויס חשיבות ביי יידן פון אַלטע צייטן אָן און האָט געפונען איר פּלאַץ אין די עשרת־הדברות און אין יעדן יידישן קאָדעקס פון געזעצן; און אין בונד פון משנה־תורה ווערט זי ספּעציעל אונטערגעשטראָכן אין פאַרבינדונג מיט זכר ליציאת־מצרים, וואָס איז צוגע־געבן געוואָרן אין די עשרת־הדברות (דברים ה׳, ט"ו). אין די צייטן וואָס נאָכן בונד פון משנה־־תורה זיינען די דאָזיקע צוויי מצוות געוואַקסן אין זייער ווערט און חשיבות. ירמיה שעצט הויך דאָס גרויסע ווערט פון דער מצוה פון שבת. אויך יחזקאל האַלט הויך די מצוה פון שבת און נאָך א סך מער, ווי ירמיה. אויך פאָדערט ער פון יעדן פרעמדן, וואָס וואוינט צווישן יידן אַז ער זאָל אָנ־נעמען די מצוה פון מילה. און אויך ביי ישעיה׳ן איז דער שבת ספּעציעל אונ־טערגעשטראָכן: „און די פרעמד־געבוירענע וואָס באַהעפטן זיך צו גאָט, אים צו דינען און ליב האָבן גאָטס נאָמען, איטלעכער וואָס היט שבת אים ניט צו פאַרשוועכן און האַלט זיך אָן מיין בונד". (ישעיה נ"ו, ו׳־ז׳) אויך די פאָרשער פון די אומות־העולם זיינען מסכים, אַז דער שבת לויט זיין גייסטיקן אינהאַלט איז אַ נייס אין דער יידישער תורה... און מיר האָבן שוין געזען, אַז דער שבת האָט זיין מקור אין דעם אָריגינעלן עטישן געדאַנק פון יידנטום; זיין עטישער אינהאַלט, דער געזעלשאַפטלעכער, איז שוין שטאַרק בולט אין דעם בונד פון משנה־תורה: „כדי עס זאָל רוען דיין קנעכט און דיין דינסט, ווי דו אַליין, און דו זאָלסט געדענקען, אַז אַ קנעכט ביסטו געווען אין לאַנד מצרים... דעריבער האָט גאָט דיין גאָט דיר באַפוילן צו מאַכן שבת". און אויך ירמיה וואָרנט וועגן שבת פון אַ געזעלשאַפטלעך־עטישן שטאַנדפּונקט, ווי ירמיה שטעלט זיך בכלל איין אין דער פראַגע פון באַפרייען די קנעכט (ל"ד) און שטראָפט די מענטשן

פון זיין דור, ווייל זיי פאַרשקלאַפן די קנעכט און די דינסטן; און אויך יחזקאל גיט דעם טעם פון שבת פון זיין קולטורעל־עטישן שטאַנדפונקט, פון זיין היס־טאָרישן יחוס. דורך דעם דאָזיקן באַגריף, ווערט דער שבת אַ צייכן צווישן יידן און גאָט, אַז גאָט ברוך הוא מאַכט דעם יידן הייליק דורך אַ עטישער היי־ליקייט: „און איך האָב זיי אַרויסגעפירט פון לאַנד מצרים... און האָב זיי געגעבן מיינע חוקים, און אויך מיינע שבתים האָב איך זיי געגעבן, וואָס זאָל זיין אַ צייכן צווישן מיר און צווישן זיי, צו וויסן, אַז איך גאָט מאַך זיי הייליק". (כ׳, י׳־י״ב). און עס לאָזט זיך שיקן, אַז דאָס זיצן פון די אידן אין גלות־בבל און זייער אָפּגעלאָזנקייט אין דער מצוה פון שבת האָט גורם געווען דערצו, וואָס יחזקאל און זיינע חברים האָבן אונטערגעשטראָכן אין דער מצוה פון שבת דעם באַגריף פון צייכן פון בונד, אונטערצושיידן צווישן די יידן און די אַנדערע פעלקער; אָדער, אונטערצושיידן צווישן דעם עטישן אינהאַלט פון דעם יידישן שבת און צווישן דעם געצנדינערישן אינהאלט פון די באַבילאָנישע רו־טעג.

און באמת, פון אַ עטיש־קאָסמאָלאָגישן וועלט־באַגריף באַקומט די מצוה פון שבת אויך אַ קאָסמאָלאָגישן אינהאַלט. לויט דעם מקור פון וועלט־באַשאַף, וואָס טיילט איין די יצירה אין זעקס טעג, באַקומט די יידישע לערע פון יצירה אַ באַזונדער פנים, וואָס געפינט זיך ניט אין קיין שום אַנדער קאָסמאָגאָניע אין דער וועלט. (דאָס איינטיילן די וואָך אין זיבן טעג איז נאָך פאַר דעם געווען אַן אָנגענומענער מנהג ביי יידן און אויך ביי אַנדערע פעלקער. די עטרורישע לעגענדע, אַז די וועלט איז געוואָרן דורך אַ משך פון זעקס טויזנט יאָר, איז אָן ספק באַאיינפלוסט פון דער מעשה־יצירה אין דער תורה) די מצוה פון דער תורה קומט מיט דער ספּעציעלער כוונה אַרויסצושטעלן דעם שבת, ווי אַ קאָסמאָלאָגישן צייכן פון בונד און אַזוי טאַקע פאַרענדיקט דער חומש די דער־ציילונג פון וועלט־באַשאַף: „און גאָט האָט געבענטשט דעם זיבעטן טאָג און אים געהייליקט". (בראשית ב׳, ג׳) און דעם דאָזיקן אינהאַלט האָט דער שבת באַקומען אין די עשרת־הדברות פון באַרג סיני. און דער חומש איז מוסיף: „ווייל זעקס טעג האָט גאָט געמאַכט דעם הימל און די ערד, דעם ים און אַלץ וואָס אין זיי און אויפן זיבעטן טאָג האָט ער גערוט, דאַרום האָט גאָט גע־בענטשט דעם טאָג פון שבת און האָט אים געהייליקט". (שמות כ׳, י״א) און נאָכדעם ווי גאָט האָט באַפוילן משה׳ן וועגן משכן, וואָס דאָס איז דאָס פּלאַץ פון בונד, איידער ער האָט אים געגעבן די לוחות שטרייכט ער אונטער די מצוה פון שבת ווי אַ צייכן פון בונד: „און די קינדער פון ישראל זאָלן היטן דעם שבת... צווישן מיר און צווישן די קינדער פון ישראל איז דאָס אַ צייכן אויף אייביק, ווייל זעקס טעג האָט גאָט געמאַכט דעם הימל און די ערד און אויפן זיבעטן טאָג האָט ער אויפגעהערט און גערוט". (שמות ל״א, י״ז־י״ח)

די ביידע באַגריפן פון שבת ווי אַ צייכן, דער עטיש־געזעלשאַפטלעכער באַגריף און דער קאָסמאָלאָגישער באַגריף — זיינען ניט נאָר ניט סותר איינע

די אַנדערע, נאָר פאַרקערט, זיי פאַרגאַנצן איינע די אַנדערע, ווייל אַזוי ווי דער עטישער שטאַנדפּונקט פון יידנטום האָט געמוזט זיך פאַרפולקאָמען אין אַ עטיש־קאָסמאָלאָגישן וועלט־באַנעם, אַזוי האָבן זיך אויך אין שבת פאַראייניקט זיינע צוויי באַגריפן, דער עטישער און קאָסמאָלאָגישער, און דער שבת איז געוואָרן די אָפּשפּיגלונג פון דער תורה פון יידנטום, און איר פולע געשטאַלטונג.

## פּראָפעסאָר באַרט

# דער אידישער שבת און דער באַבילאָנישער שבת

„צווישן מיר און צווישן די קינדער פון ישראל איז דאָס אַ צייכן אויף אייביק (שמות ל״א, י״ז). אין תנ״ך געפינט מען ניט דעם מינדסטן רמז, אַז די פעלקער מיט וועלכע דאָס פאָלק ישראל איז געשטאַנען אין פאַרבינדונג, האָבן אויך געפייערט דעם טאָג שבת: בעת וואָס אָנבאַלאַנגט צו ברית־מילה, וואָס ווערט אויך אָנגערופן מיטן וואָרט „צייכן" (בראשית י״ז, י״א) ווערט געזאָגט, אַז די ישמעאלים האָבן דאָס אויך אָנגענומען (דאָרט, י״ז, כ״ו) און ס'איז באמת וואָר, אַז דער שבת איז אַ רינג אין קייט פון געזעצן, וואָס זיין יסוד ליגט אין דער קדושה פון מקור אידישקייט. און ס'איז ניט קיין וואונדער, וואָס דער שבת קומט אויס אויפן זיבעטן טאָג. דער צאָל זיבן איז אַ געוויינלעכע דערשיינונג אין אידישער געזעצגעבונג און שפּילט אַ גרויסע ראָלע אין אַ סך צווייגן פון אידישקייט. און נאָכדעם ווי מיר זעען, אַז דער צאָל זיבן דינט ווי אַ סימבאָל פאַר אַ סך רעליגיעזע ענינים ביי אידן — וועלן מיר דען זיין באַרעכטיקט צו זאָגן, אַז דער טאָג שבת, די קדושה פון שבת, זיינען ניט מער ווי אַ פערמדער צוויג, פרעמדגעבאָרענער, אויב מירן דערצו ניט ברענגען קיין פעסטע גוטבאַגרינדעטע ראיות און איבערצייגונגען? נאָך מער, פון תנ״ך קען מען זיך איבערצייגן, אַז די באַבילאָנער האָבן ניט געהאַט קיין טאָג פון רו, אומגעפער, אַזאַ ווי שבת. אין ישעיה (מ״ו, מ״ז) רעדט דער נביא וועגן בבל און אירע אָפּגעטער, וועגן אַלע אירע מנהגים, ווי אַ מענטש וואָס איז אַ מומחה און אַ בקי אין די אַלע זאַכן, און דאָס גלייכן רעדט ער וועגן די אידן וואָס האָבן דאָרט געוואוינט. און דער נביא באַרירט אויך די פראַגע, צי דאָס אידישע פאָלק זאָל אַריינעמען גרים און ער ענטפערט אויף אַ פּאָזיטיוון אופן, ווי זכריה האָט אַנטשיידן די דאָזיקע פראַגע, און ווי ישעיה דער ערשטער און ער זאָגט: (נ״ו, ג׳) „און ניט זאָגן זאָל דער פרעמדגעבאָרענער, וואָס באַהעפט זיך צו גאָט, אַזוי צו זאָגן: אָפּזונדערן וועט גאָט מיך אָפּזונדערן פון זיין פאָלק . . . און די פרעמדגעבאָרענע וואָס באַהעפטן זיך צו גאָט, אים צו טאָן דינסט און ליב צו האָבן דעם נאָמען פון גאָט, אים צו זיין פאַר קנעכט, איטלעכער וואָס היט שבת אים ניט צו

פאַרשוועכן און האַלט זיך אָן מיין בונד, זיי וועל איך ברענגען צו מיין הייליקן באַרג און וועל זיי דערפרייען אין מיין הויז פון געבעט, זייערע בראַנד־אָפּפער און זייערע שלאַכטאָפּפער וועלן זיין צו באַוויליקונג אויף מיין מזבח, וואָרן מיין הויז וועט גערופן ווערן דאָס הויז פון געבעט פאַר אַלע פעלקער. (דאַרטן, ג׳ ו׳ ז׳) דאָ ווערט דער שבת דערמאָנט ווי אַ צייכן, וואָס דורך אים ווערט דאָס פאָלק ישראל אָפּגעזונדערט פון אַלע אַנדערע פעלקער, און דער וואָס נעמט אויף זיך צו היטן שבת, ווערט באַהאָפטן צום פאָלק ישראל. אַזוינס וואָלט געווען אוממעגלעך, ווען דער שבת וואָלט שוין פון לאַנג אָן ניט געווען איינגעפירט אין בבל, וואו אידן זיינען שוין געווען דאָרט אין גלות דורך אַ משך פון זיבעציק יאָר. דעם דאָזיקן פאַקט האָט אויך אונטערגעשטראָכן דער פאַרשער ראָבערטסאָן־סמיט, ווי אַ באַווייז, וואָס מ׳קען ניט אָפּפרעגן. לגבי דער דאָזיקער ראיה ווערן בטל אַלע השערות פון די אַסיריאָלאָגן, וואָס הענגען אויף אַ האָר.

וואָס אָנבאַלאַנגט אַשוריש־באַבילאָנישע דאָקומענטן וועגן אַ באַבילאָנישן שבת, — האָבן זיי קיין יסוד ניט. די וואָס האַלטן פון דער מיינונג, אַז בבל האָט געהאַט אַ שבת, זיינען זיך סומך אויף די דאָזיקע ראיות:

א) זיי האָבן געפונען אַ וואָרט (אין דער רשימה פון אַסירישע ווערטער) וואָס מ׳קען לייענען schpatt אָדער Schabattu, און זיי האָבן דעם וואָרט געגעבן דעם מיין פון much libbi, וואָס הייסט, דער שבת איז אַ טאָג פון האַרצנס־רו. דערפון קומט אויס, אַז דער שבת איז געווען אַ טאָג פון רו פאַר די אַסיריער. אָבער דער דאָזיקער פירוש איז ניט קיין ריכטיקער. דאָס וואָרט schabattu איז אַ פאַרקירצונג פון um much libbi ilani — אַ טאָג אין וועלכן דער צאָרן פון די געטער ווערט איינגעשטילט. אין קעגנזאַץ צום „טאָג פון צאָרן" (פון די געטער) um uggati וואָס ווערט פריער דערמאָנט אין אָן אַנדער פלאַץ, וואָס באַצייכנט דעם נייַנצנטן טאָג אין חודש schapattu אָדער Schabattu איז אַלזאָ דער טאָג ווען די געטער זיינען אייגעשטילט, אַ טאָג פון תשובה און תפילה. אין דער אַסיריאָלאָגישער ליטעראַטור האָבן מיר נאָך ביז היינט ניט געפונען קיין שום ידיעה, ווען און וויפיל מאָל אַ יאָר אַזאַ טאָג איז געפייערט געוואָרן.

ב) דאָס אייגענע איז ניט ריכטיק די צווייטע ראיה וועגן מקור פון אַ באַבילאָנישן שבת. אין דעם צייט־לוח פון פלעקל־שריפט ווערן דערמאָנט יענע טעג פון חודש, וואָס זיינען געהייליקט פאַר די פאַרשיידענע געטער, און אויף וואָס פאַר אַן אופן מ׳זאָל מקריב זיין צו זיי קרבנות. נון, בנוגע דעם זיבעטן טאָג (און דאָס אייגענע אויפן פערצנטן טאָג, דעם איין־און־צוואַנציקטן און דעם אַכט־און־צוואַנציקטן, נאָר איטלעך מאָל ווערן דערמאָנט אַנדערע נעמען פון די געטער פון יענעם טאָג) ווערט געזאָגט: „געהייליקט פאַר מרדוך און צאַרפּאַניט. אַ טאָג פון אומגליק. דער מלך טאָר ניט עסן קיין געבראָטן

פלייש, טאָר ניט בייטן זיינע קליידער, טאָר זיך ניט אָנטאָן אין ווייסן, טאָר ניט טרינקען קיין ווייך, זאָל ניט פאָרן אין קיין רייטוואָגן און זאָל ניט רעדן ווי אַ מלך... דער רופא זאָל ניט לייגן זיין האַנט אויפן חולה. אין אָוונט זאָל דער מלך מקריב זיין זיין קרבן צו מרדוך און צו וועגוס און גיסן פאַר זיי ווייך. דאָס אויפהויבן פון זיין האַנט וועט באַוויליקט ווערן פון גאָט". לערנען מיר דערפון, אַז דורך די דאָזיקע פיר טעג זיינען געווען איינגעפירט ספּעציעלע געזעצן פאַר אָפּקומען און פייניקונג. די דאָזיקע געזעצן זיינען אויך געווען אַ חיוב פאַרן ניינצנטן טאָג פון חודש. דאָס הייסט, אַז אין יעדן חודש זיינען באַשטימט געווען פינף אַזעלכע טעג, צווישן פערצנטן און ניינצטן בלויז פינף טעג, צווישן פערצנטן און איינאונצוואַנציקטן בלויז צוויי, צווישן יום־טוב פון אַכט־און־צוואַנציקטן און דעם זיבעטן טאָג פון נאָכפאָלגנדיקן חודש זיינען קיין זיבן טעג קיינמאָל ניט געווען, בלויז ווען דער לבנה־חודש איז אַנטשטאַנען פון ניין־און־צוואַנציק אָדער דרייסיק טעג, איז צווישן זיי געווען אַ דיסטאַנץ פון אַכט אָדער ניין טעג. מיינט דאָס, אַז די יום־טובים זיינען אויסגעפאַלן רעגלמעסיק, לויט אַ געוויסער צאָל פון טעג, וויבאַלד זיי האָבן געהאַט נאָך אַ פינפטן פייערטאָג. און נאָך מער: די באַבילאָנישע טעג וואָס ווערן אויבן דערמאָנט זיינען פאַרבונדן מיט אַ געוויסן דאַטום פון חודש, הייסט עס, אַז זיי זיינען געווען אָפּהענגיק פון חודש, בעת די וואָך פון חומש און דער שבת איז ניט אָפּהענגיק פון חודש.

דער פאַקט, וואָס די באַבילאָנער האָבן איינגעטיילט דעם חודש פון אַכט־און־צוואַנציק טעג אין פיר אָפּטיילונגען פון זיבן טעג יעדע איינע, און געגעבן דעם לעצטן טאָג אַ ספּעציעלע חשיבות — באַווייזט ניט אויף קיין נאָענטער שייכות מיט אונדזער שבת. אַ זיבן־טאָגיקע וואָך אָן אַ יום־טוב איז פון די עלטסטע צייטן געווען איינגעפירט ביי אַ סך פעלקער, וואָס האָבן קיין געמיינשאַפטלעכס צווישן זיך ניט געהאַט, ווי למשל, ביי די כינעזישע פעלקער, און אַנדערע. איניקע פון בודאַ'ס נאָכפאָלגער פייערן פיר מאָל דורכן חודש אַ יום־טוב, וואָס ווערט אָנגערופן Uposatha — אין טאָג פון ראש־חודש, אויפן אַכטן טאָג, אאַז"וו. טשיקאַווע איז, וואָס די דאָזיקע פייער־טעג זיינען טעג פון תעניתים, ווי די פיר פייערטעג פון די באַבילאָנער זיינען באַטראַכט געוואָרן ווי טעג פון אומגליק. אויך ביי די רוימער איז דער זיבעטער טאָג געווען אַ טאָג פון אומגליק, דער טאָג פון סאַטורן. און אַזוי ווי קיינעם וועט ניט קומען אויפן זינען, צו פאַרגלייכן דעם בודיסטישן טאָג פון Uposatha מיטן אידישן שבת, אַזוי קען מען אים אויך ניט פאַרגלייכן צו די פיר טעג פון באַבילאָנישן חודש, ווייל זיי זיינען אומגליקסטעג umilimnu, ווי ביי די בודיסטן.

דער ניינצנטער טאָג, וואָס האָט דעם אייגענעם דין ווי פון זיבעטן טאָג, דעם אַכטן, דעם איינאונצוואַנציקטן, ווי מיר האָבן אויבן געזאָגט, ווערט

אַנגערופן מיטן נאָמען: אַ טאָג פון צאָרן. און ווייל ס'איז אַ טאָג פון טרויער טאָר דער מלך ניט בייטן אין אים זיינע קליידער, טאָר ניט אָנטאָן קיין ווייסע בגדים און עסן פלייש, ווי אידן זיינען זיך נוהג אין טעג פון טרויער. און דאָס אייגענע איז אויך מיט אַלע אַנדערע מנהגים פון די פינף אויבנדערמאָנטע טעג, אַלע זיינען זיי טעג פון טרויער. ניט אַזוי אָבער איז דער אידישער שבת, וואָס איז אַ טאָג פון תענוג, שמחה און רו. דער נביא הושע וואָרנט דעם זינדיקן פאָלק מיט די ווערטער: „און איך וועל פאַרשטערן זיין גאַנצע פרייד, זיין יום־טוב, זיין ראש־חודש און זיין שבת און אַלע זיינע פייערטעג". (הושע, ב', י"ג) און ישעיה זאָגט: „און דו וועסט רופן שבת אַ תענוג". (נ"ח, י"ג) דער שבת'דיקער טאָג איז ביי אונדז אַ חשובער גאַסט, וואָס נעמט אַרונטער פון אונדז דעם יאָך פון וואָכעדיקן לעבן; פון דעם פרייען מענטשן טוט ער אָפּ די שווערקייט פון דער אַרבעט און אַלע דאגות, און פון דעם קנעכט וואָרפט ער אַרונטער זיין קנעכטשאַפט און געפאַלנקייט. און פאַר זיי אַלעמען צוזאַמען, אָן אַן אונטערשייד, איז דאָס אַ טאָג פון לויטער שמחה, ליבשאַפט, ברידערשאַפט און פריינטשאַפט. פון דעם זעען מיר די אוממעגלעכקייט, אַז דאָס אידישע פאָלק זאָל האָבן גע'ירש'נט דעם טאָג שבת פון די באַבילאָניער, ווייל זייער שבת איז פאַר זיי אַ טאָג פון פייניקונג און טרויער, בעת ווען אונדזער שבת שטייט געזאָגט אין דער תורה: „און גאָט האָט געבענטשט דעם זיבעטן טאָג און אים געהייליקט". (בראשית ב', ג').

איבערהויפּט איז בולט דער אונטערשייד צווישן דיביידע דורך דעם דאָזיקן פאַקט: אידן טאָרן דורכן טאָג פון שבת זיך ניט פאַרנעמען מיט קיין שום האַנדל (עמוס ה' ח'; ישעיה נ"ח, י"ג; נחמיה י', ל"א), אפילו קלייבן מן (שמות ט"ז, כ"ב) צונויפנעמען האָלץ (במדבר ט"ו, כ"ב) האָבן זיי ניט געטאָרט אין דאָזיקן טאָג, בעת ביי די באַבילאָניער איז ניט חל קיין שום פאַרבאָט אויף אַרבעט און האַנדל דורך יענע טעג (ז' י"ד, כ"א, כ"ח). לויטן האָט אויסגעפאָרשט און אונטערזוכט 540 אַסירישע קאָנטראַקטן און האָט אויסגעפונען, אַז דורך די טעג פון זיבעטן, פערצנטן און איינאונצוואַנ־ציקטן פון חודש, וואָס דאָס זיינען די טעג פון זייערע שבתים, זיינען געמאַכט געוואָרן געשעפטן ניט ווייניקער ווי דורך די אַנדערע טעג. ווען אין זעקסטן טאָג פון חודש זיינען געשלאָסן געוואָרן עלף געשעפטן, דעם 8טן — פערצן — זיינען אין זיבעטן טאָג געמאַכט געוואָרן זיבעצן געשעפטן, דעם צוואַנ־ציקטן און צוויי און צוואַנציקטן אין חודש צוויי און דרייסיק געשעפטן און דעם איין־און־צוואנציקטן אין חודש — פיר און דרייסיק געשעפטן. און אָט האָבן מיר נאָך אַ ראיה, ווי ווייט מיר קענען ניט מסכים זיין מיט דער מיינונג פון יענע וואָס האַלטן פון באַבילאָנישן שבת: אויב ס'איז אמת, אַז די באַבי־

לאַניער האָבן באַשטימט דעם נאָמען Schabattu פאַרן זיבעטן טאָג, האָבן דאָך די טעג פון פערצנטן, איינאונצוואַנציקטן און אַכטאונצוואונציקטן באַדאַרפט אָנגערופן ווערן מיט דעם דאָזיקן נאָמען אין די טאַבלען, וואָס האָבן זיך אויפגעהיט (וואו דאָרטן טאַקע איז געבליבן דער זכר פון יענע טעג און זייערע מנהגים). אָבער דער דאָזיקער נאָמען ווערט ניט דערמאָנט אפילו קיין איינציק מאָל. די אַסיריער, הייסט עס, האָבן כלל ניט געוואוסט פון דאָזיקן נאָמען אין שייכות מיט יענע טעג, און זיי זיינען דאָך גרעסערע מוסמכים וועגן דעם ענין ווי די וואָס האָבן דערפינדן דעם באַבילאָנישן שבת.

דער שלוס וואָס מיר קענען דערפון ציען איז דער פאָלגנדיקער: דער אידישער שבת איז אַ רינג אין קייט פון אונדזער הייליקער מסורה, וואָס איז באַגרינדעט אויף דער צאָל זיבן. די נביאים פריידיקן צו היטן שבת שוין נאָכן גלות־בבל, ווי אַ צייכן און אַ סימבאָל, וואָס מאַכט אַן אונטערשייד צווישן אידן און צווישן אַנדערע פעלקער. און וויבאַלד אַזוי, איז דאָך ניט מעגלעך, אַז די פעלקער צווישן וועלכע די אידן האָבן געלעבט, זאָלן אויך האָבן געמאַכט דעם טאָג שבת פאַר אַ פייערטאָג.

די באַבילאָנישע פייערטעג זיינען פאַרבונדן לויט דער ספּעציפישער ציילונג פון חודש; און דער אידישער שבת איז ניט אָפּהענגיק פון חודש. די באַבילאָנער האָבן געפייערט דעם ניינצנטן טאָג ווי דעם זיבעטן, דעם פערצנטן, דעם איינאונצוואַנציקטן און אַכטאונצוואַנציקטן, הייסט עס, זיי האָבן געפייערט פינף טעג דורכן מאָנאַט און ניט תמיד אָפּגערוקט זיבן טעג צווישן. די באַבילאָניער האָבן באַטראַכט די דאָזיקע טעג פאַר אומגליקסטעג, און דעם ניינצנטן פאַר אַ טאָג פון צאָרן, דעריבער האָבן זיי קיין פאַרבינדונג ניט מיט דעם אידישן „עונג־שבת". זיי האָבן קיין שום אָנונג ניט פון אַ פאָלקסרו, פון רו פון קנעכט און פון בהמה, פון אָפּשטעל פון אַרבעט און האַנדל — וואָס דאָס איז דאָך דער עיקר פון אונדזער שבת. דערפאַר איז די השערה, אַז אונדזער שבת איז אַנטליען פון די באַבילאָניער, אַ פּוסטע השערה און האָט כלל ניט אויף וואָס זיך צו שטיצן.

## הרב צבי נאָבעל (פראַנקפורט אַם מאַין)

# דער שבת

די העברעאישע שפּראַך האָט ניט געשאַפן קיין נעמען פאַר די טעג פון וואָך. זיי ווערן אָנגערופן: דער ערשטער טאָג, דער צווייטער, דער דריטער אין וואָך, אאַז"וו, און זיי זיינען ניט מער ווי צאָל, ביז עס קומט צום זיבעטן טאָג. און דאָ האָט זיך אַנטפּלעקט דער שאַפונגס־כוח פון שפּראַך און זי האָט באַשאַפן דאָס שיינע וואָרט „שבת", וואָס מיינט: אַ טאָג פון רו.

די תורה וויקלט פאַר אונדז פאַנאַנדער דאָס פּראַקטיקע בילד פון הימל און ערד באַשאַף. כדי אונדז צו לאָזן וויסן, אַז אַלץ וואָס ס'איז געוואָרן און באַשאַפן געוואָרן און באַקומען בילדלעכקייט און געשטאַלט און געזעץ און גרענעץ, אַז גאָטס האַנט האָט דאָס אַלץ געמאַכט, גאָטס האַנט האָט אַריינ־געפּאַסט דאָס גרענעצלאָזע און דאָס געזעצלאָזע, אין דער פּראַקטיקער ראַם פון שיינקייט און געזעץ.

די תורה שילדערט דעם גאַנצן באַשאַף, ווי די פרייע שאַפונג פון גאָט, וואָס מאַכט אַלצדינג לויט זיין רצון. די פּראַקטיקע קרוין און דער העכסטער פּונקט פון אַזאַ שאַפונג — איז דער שבת, דער יום־טוב פון פרייהייט.

אַ גאָט, וואָס זאָל האָבן באַשאַפן די וועלט דורך אַ קאַמף מיט אַנדערע געטער, אָדער לויטן געצנדינערישן באַגריף פון דער תקופה פון דער גריכי־שער מיטאָלאָגיע, דורך אַ קאַמף מיט זיך אַליין, דורך אַ שטענדיקער אַנט־וויקלונג, פאַרבונדן מיט אַ סך מי און צער, אָדער אפילו דורך רעוואָלט אַנטקעגן זיין אייגענער טבע, — וואָלט ניט געקענט דערהויבן דעם שבת און דאָס היטן פון שבת צו אַ רעליגיעזן יום־טוב, צו אַ עיקר און יסוד פון גאַנצן רעליגיעזן לעבן. בלויז אַ רעליגיע, וואָס לויט איר, איז גאָט אַ פריי וועזן אומאָפּהענגיק פון וועלכע ניט איז תנאים — האָט געקענט אויפשטעלן אַ יום־טוב צו פייערן דעם וועלט־באַשאַף. און דערמיט האָט זי געמאַכט דעם שבת אַ יום־טוב פאַר גאָט און מענטשן. זי האָט געפייערט דעם שבת ווי אַ פייערטאָג און ניט בלויז ווי אַ טאָג פון אָפּרו פאַר די מידע. אַ פייערטאָג פון בלויז אָפּרו — וואָלט געווען צופיל ערדיש, מגושמ'דיק. ווען מיר לייענען די באַבי־לאָנישע שילדערונגען פון וועלט־באַשאַף, זעט מען באַלד, אַז דער באַבילאָ־נישער שבת, הגם ער איז געווען אַ יום־טוב, איז געפייערט געוואָרן מיט עצבות און טרויער, און האָט אויסגעזען מער ווי אַ טאָג פון תשובה איידער אַ יום־טוב.

די געשיכטע פון וועלט־באַשאַף, ווי זי ווערט דערציילט אין דער תורה, איז פול מיט רעליגיעזע יסודות, ווייל דער שבת גיט אַריין אין איר אַ נשמה. דער שבת דערהויבט די געשיכטע פון וועלט־באַשאַף צו דער געשיכטע פון געבורט פון רעליגיע.

דער שבת איז געווען די גרויסע התגלות פון געטלעכער פרייהייט, דעריבער איז ער געוואָרן אויך די התגלות פון מענטשלעכער פרייהייט. און אין די עשרת־הדברות, וואָס אין זיי איז געלייגט געוואָרן בלויז דער יסוד פון דער אידישער תורה, און האָבן דערפאַר אין זיך קיין זכר ניט פון פּראַק־טישע געזעצן, איז אָנגעזאָגט געוואָרן אַ האַרבער אָנזאָג בלויז וועגן איין פּראַקטישן געזעץ: „און דער זיבעטער טאָג איז שבת צו גאָט דיין גאָט, זאָלסט

ניט טאָן קיין שום אַרבעט, דו און דיין זון און דיין טאָכטער, דיין קנעכט און דיין דינסט און דיין בהמה און דיין פרעמדגעבאָרענער, וואָס אין דיינע טויערן.״ (שמות כ׳, י׳).

די אַרבעט דערהויבט דעם אַרבעטער. אַזאַ מין בליק וועלן מיר זוכן אומזיסט ניט נאָר ביי די ערשטע דורות פון דער תנכישער תקופה, נאָר אפילו ביי די גרעסערע וואָרטזאָגער פון די אַנטיקע פעלקער. אַפילו די גרויסע שאָפער פון דער גריכישער גייסטיקער וועלט, האָבן, ווי אַ גאַנץ פאַרשטענד־לעכע און אַנגענומענע זאַך פאַר יעדן איינעם, אויסגעדריקט די פאָדערונג, אַרויפצוּוואַרפן די אַרבעט אויף די פּלייצעס פון די שקלאַפן, כדי דער פרייער מענטש זאָל זיך קענען אָפּגעבן מיט העכערע אינטערעסן — מיט באַשיצן דאָס לאַנד און מיט גייסטיקער אַרבעט. די קנעכטשאַפט — איז געווען אַן איינ־געגעסענע מכה אין גוף פון דער אַנטיקער וועלט. די קנעכטשאַפט איז געווען אַ שטרויכלשטיין פאַר די אַלטע קלאַסישע פעלקער און זי האָט דערנענטערט זייער סוף, ווייל זי האָט חרוב געמאַכט זייער ווירטשאַפטלעך און עטיש לעבן.

אין דעם אַריינפיר צו דער מצוה פון שבת זאָגט די פרשה פון עשרת־הדברות אָן: „זעקס טעג זאָלסטו אַרבעטן און טאָן גאָר דיין אַרבעט״. דאָס איז אַ געטלעכע פאָדערונג, וואָס איז אַ יסוד פון דעם גאַנצן ווירטשאַפט־לעבן, און אין דעם, האָט זיך די תורה מקדים געווען צו דעם וועלט־באַגריף פון דער מאָדערנער צייט, אַז אַרבעט, אַחוץ פון איר ווירטשאַפטלעכן ווערט, איז אויך דער יסוד און קרוין פון דעם מענטשנס עטיש לעבן.

דער פסוק: „זעקס טעג זאָלסטו אַרבעטן און טאָן גאָר דיין אַרבעט״ — איז שוין פאַר זיך אַליין גענוג צו געבן די עשרת־הדברות אַ געהויבענעם און ווירדיקן פּלאַץ אויף אייביקע יאָרן אין דער רעליגיעזער געשיכטע פון דער מענטשהייט. דער מאָראַלישער ווערט פון אַרבעט איז פאַרבונדן אין אַ פעסטער פאַרבינדונג מיט דער מנוחה פון שבת, פונקט ווי די מאָראַליטעט פון דער שבת־רו פליסט אַרויס און קומט פון דער פראַצע פון וואָך. די פרייהייט פון אַרבעט אַנטפּלעקט זיך דורך דער רו וואָס וויקלט זיך אין פראַקטיקער הייליקייט דורך דער רעליגיעזער פאַרטיפונג. דער יום־טוב פון רו ווערט פון דאָס ניי דערוואָרבן און ווערט תמיד פון דאָס ניי באַשטעטיקט דורך דער אַרבעט פון די וואָכעדיקע טעג.

די שבת־רו וואָס דורך איר באַקומען דער קנעכט און די דינסט נייע כוחות, גיט דעם קנעכט די דערהויבענע ווירדיקייט, וואָס אָן איר וואָלט איבערהויפּט דערנידעריקט געוואָרן זיין גאַנצע פּערזענלעכקייט. אויב דער אַרבעטטאָג, מיט גאָר זיין מי און שווערקייט, מיט זיינע דאגות און יסורים, טרייבט אָן ניט בלויז דעם קנעכט, נאָר אַפילו זיין באַלעבאָס, צו האָרעווען און אַריינברענגען די ברכה אין הויז — איז דער טאָג פון רו מיט

זיין שלוה, מיט זיין אויפהויבן דעם מענטשן פון דער טיפעניש פון לעבן, און מיט זיין ליכט וואָס באַשטראַלט אַלע מעשים וואָס ווערן געטאָן אונטער דער זון, איז דאָך דאָס ניט בלויז פאַרן באַלעבאָס אַליין, נייערט אויך פאַרן קנעכט. און פונקט ווי שבת איז דער גרויסער באַזיגער, וואָס איז מחייב, לויט דער דערציילונג פון וועלט־באַשאַף, דעם מוז פון אַרבעט, און שטעלט אַוועק די פרייע שאַפונג פון דער געטלעכקייט אין בראשית פון וועלטס־לעבן — פונקט אַזוי באַזיגט ער דעם עצם מהות פון קנעכטשאַפט, וואָס איז פאַרוויקלט אין אַרבעט און באַזיגט זי מאָל נאָך מאָל און גיט צוריק דעם קנעכט זיין פרייהייט דורך דעם וואָס זי מאַכט אים פאַר אַ פערזענלעכקייט מיט רעכטן. אויב ס'איז אמת, וואָס דער גערמאַנישער פּאָעט האָט געזאָגט: „דאָס פאָלק, ווי דער קנעכט, ווי דער קריגסהעלד אַנערקענען און גיבן־צו: אין יעדער צייט, אַז אויף דער ערד איז ניטאָ קיין גרעסער גליק, ווי דאָס גליק וואָס פערזענלעכקייט קען געבן" — דאַן איז דער געדאַנק פון שבת אין זיין פולער טיפקייט גרעסער פון אַלע זיגער אין דער וועלט. ער לערנט אונדז, אַז דאָס רעכט פון פערזענלעכקייט איז ניט קיין הנחה פאַרן קנעכט, ס'איז ניט קיין גערעכטיקייט וואָס מען טוט מיט אים, נאָר ס'איז אַ פילפאַך געטאָפּלטער זכות פאַרן געבער. בלויז יענער מענטש וואָס עפנט די טויערן פון וואוינונג פון גערעכטיקייט פריי פאַרן קנעכט און פאַר דער דינסט און פאַר אַלץ וואָס ס'איז באַשאַפן אין גאָטס געשטאַלט, בלויז יענער קען וואוינען אין וואוינונג פון גערעכטיקייט.

שבת — ווערט די הנחה פאַרוואַנדלט אין אַ רעכט, „צדקה" — אין צדק (גערעכטיקייט). דער פרייער מענטש, וואָס גיט זיין קנעכט שבת, קריגט אַליין מער וויפל ער קען געבן. ניט גענוג וואָס ער גיט רעכטן, נאָר ער אַנערקענט די גערעכטיקייט פון אַגוטע זאַך. ער באַטראַכט דעם קנעכט פאַר אַ פערזענלעכקייט, און דורכדעם ווערט ער אַליין דערהויבן צו אַ העכערער מדרגה פון פערזענלעכקייט אין באַגריף פון גערעכטיקייט און עטיק.

ווי ס'איז דער אויפטו פון שבת לגבי דעם וועלט־באַשאַף, וואָס האָט אים דערהויבן פון ענגשאַפט פון מוז צו די ברייטקייטן פון געטלעכער פריי־הייט, אַזוי איז אויך זיין אויפטו אין באַציאונג צו מענטשן: ער דערהויבט זיי צו די הייכן פון גערעכטיקייט און גלייכבאַרעכטיקונג. ער טיילט איין ווירדע צו דער אַרבעט און באַקרוינט די רו. ער ברייטערט אויס די גרענעצן פון דער פערזענלעכקייט. ער גיט דעם קנעכט, וואָס האָט קיין חלק ונחלה ניט צווישן מענטשן, דאָס רעכט אויף פרייהייט. ער זאָגט אָן גלייכבאַרעכטיקונג פאַר אַלע מענטשן.

קומט אויס, אַז דער שבת איז אַ געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציע אין דעם העכסטן זין פון וואָרט. ניט בלויז רחמנות און ניט בלויז אַנטיילצונעמען אין צוויטנס צער — פאָדערט ער פון מענטשן. אויב מיר שטעלן אַוועק די

מידת־הרחמים אין צענטער פון רעליגיע, וואָס פון אים ציען זיך אַלע שטראַלן פון רעליגיעזן לעבן, איז אויב מירן זיך צוקוקן גענוי צו אַלע זיינע רעזולטאַטן, — מוזן מיר פון אָנהייב אָן אָננעמען ווי אַן ערשטע הנחה, אַז דער צענטער פון דער וועלט איז דאָס שלעכטס. און נאָך מער, מיר וועלן מוזן מאַכן די הנחה, אַז אַלץ וואָס ס'ווערט געטאָן אונטער דער זון איז שלעכט. לויט אַלע רעליגיעזע און פילאָזאָפישע שיטות, וואָס באַטראַכטן די מידת־הרחמים פאַרן צענטראַלן ציל פון דער עטישער לערע, זינט דער לערע פון בודאַ ביזן קריסטנטום און ביז שאָפּענהאַוער'ן — איז דער צער דער עיקר פון דער וועלט און קאַמף און גויט זייבען דער סאַמע תוך פון מענטשנס לעבן און זיינע דערפאַרונגען אין לעבן.

אָבער די תורה וואָס האָט ביים האַר פון דער וועלט אַריינגעלייגט אין מויל דאָס אויפמונטערנדיקע וואָרט: „און גאָט האָט געזען אַלץ וואָס ער האָט געמאַכט, און עס איז זייער גוט" — פאַר איר איז אוממעגלעך צו זען די וועלט און אַלץ וואָס ס'געפינט זיך אין איר ווי אַ יאָמערטאָל. זי באַגנוגנט זיך ניט מיט דער מידת־הרחמים אַליין, כדי אויסצודריקן די עטישע באַציאונגען צווישן איין מענטשן און דעם צווייטן. אַזוי ווי דער קנעכט קערט זיך צוריק נאָך די זעקס אַרבעט־יאָרן, אויפן זיבעטן יאָר, צו זיינע ברידער, ווי אַ גלייכ־באַרעכטיקטער פרייער מענטש, אַזוי דערוווערבט ער דורך איטלעכן שבת דאָס רעכט צו פרייהייט. דער טאָג שבת, וואָס נעמט אַרונטער פון דעם אידן דעם יאָך פון די אַרבעטטעג, דערפילט בשלמות זיין ווירקונג אין תיקון־המידות, דערפון וואָס ער איז גורם, אַז גוטע געפילן וואָס וואַכן אויף פון אַ לעבן פון גערעכטיקייט און יושר, אַנטוויקלען זיך אויך אין האַרצן פון קנעכט.

יעדער מין סאָציאַליזם איז פול מיט סתירות, ווען ער זוכט צו צאַמען די רעכטן פון יחיד פאַרן טובת־הכלל, אָדער, לאָמיר זאָגן, אויב דער יחיד שפּירט די דאָזיקע באַגרענעצונג ווי אַ דרוק. דער אמת'ער סאָציאַליזם, ווי דער שבת לערנט אונדז, פאָדערט ניט צו באַרויבן אָדער באַגרענעצן דאָס פאַרמעגן פון יחיד צוליב דעם גרעסערן וואוילזיין פון דער גרויסער געזעל־שאַפט. ווייל בנוגע דער באַציאונג פון גערעכטיקייט צו אַנדערע, איבערהויפּט צום שוואַכערן, צום אָרעמען און קנעכט, באַשאַפט דער שבת אַ קרייז פון גערעכטיקייט, אין וועלכן עס אַנטוויקלט זיך און איטלעך מאָל ווערט דער־וואָרבן פון דאָס נייע די תביעה פאַר צדק און משפט און גליק.

דאָס איז דער מוסר־הצדק פון שבת. ניט די עטיק פון הערשאַפט און האַרנטום, וואָס שטעלט אויף זיין טריאומף־טויער אויף די רוקנס פון געבוי־גענע מענטשן — נאָר ס'איז די הערשאַפט פון עטיק, וואָס די האַרן און קנעכט צוזאַמען בויגן זיך פאַר איר מיט שמחה.

און אַזוי זעען מיר דעם שבת, ווען ער אַנטפּלעקט זיך ביים סאַמע געבורט פון אונדזער געזעצגעבונג, ווי אַן עדות אויף מעשה־בראשית. אַנשטאָט

צו זיין אַ יום־טוב פון דער נאַטור, שטרעבט ער גאָר צו ווערן דער יום־טוב פון דער מענטשהייט. דורך דעם, וואָס דער שבת דערמאָנט דעם מענטשן זיין געטלעכן אָפּשטאַם, באַווייזט ער אים אויך זיין אייגענעם געטלעכן אָפּ־שטאַם. דער שבת, וואָס זיין יסוד ליגט אין דער דערציילונג פון וועלט־באַשאַף אין דער תורה, ווערט אַליין דער עטישער יסוד פון גאַנצן וועלט־באַשאַף.

דער וואָס וויל באַנעמען דעם פולן כאַראַקטער פון שבת, זאָל זיך צו־הערן צו משה׳ס קול אין ספר דברים, ווען ער געזעגנט זיך מיט זיין פאָלק. משה רעדט צום פאָלק פון זיין געפאַלנקייט און זיין געהויבנקייט, פון זיין קנעכט־שאַפט און זיין באַפרייאונג. ער לאָזט וויסן זיין פאָלק, אַז זיין טאָג פון טויט איז נאָענט, און אַז זיין ווערק וועט בלייבן אויף אייביק. די געטלעכע אַנט־פּלעקונג אויפן באַרג־סיני באַצייכנט ער ווי אַ בונד פון פריינטשאַפט, וואָס דער גאָט פון הימל און ערד האָט מיט אים געשלאָסן און דעריבער זיינען זיי קינדער ביי גאָט. די דאָזיקע באַציאונג איז דער יסוד פון דער רעליגיע. ער וויל באַנייען ביים פאָלק וואָס הערט זיך צו צו זיין קול דעם אייגענעם געפּ־יל פון מעמד הר־סיני און אים איינקריצן אין די הערצער פון די מענטשן לזכר־עולם, ווי אַ מעשה שהיה, און ווי די העכסטע טאַט, וואָס איז ווען עס איז געטאָן געוואָרן אונטער דער זון. ווער וועט ניט גלויבן, אַז די נשמה פון דעם מאַן, וואָס האָט אַזוי גערעדט האָט פון איר אינערלעך לעבן געגאָסן שטראָמען ליכט אויף זיין פנים, און אַז זיין פנים האָט געשטראַלט פון דער געטלעכער שמחה וואָס אין זיין האַרצן? נאָר משה, וואָס דאָס עניוות איז געווען די קרוין אויף זיין קאָפּ, האָט דאָס ניט געוואוסט. ניט צו זיך זיינען די געדאַנקען זיינע געווען געווענדט, נאָר צו די ווייטקייטן פון די קומענדיקע דורות. צו זיי האָט ער ווידער געלאָזט וויסן דעם ענין פון שבת, מיט רייד וואָס דער שטעמפּל פון אייביקייט איז אויף זיי פאַר׳חתמ׳עט. אָבער דער געדאַנק, וואָס איז אין ערשטן נוסח פון דער מצוה פון שבת געווען אויסגעדריקט נאָר מיט אַ רמז, איז דאָס מאָל בולט אַרויסגעבראַכט געוואָרן. דאָס ווערט פון שבת, ווי אַ זכר צום וועלט־באַשאַף איז לגמרי אָפּגערוקט געוואָרן און דער טאָג שבת איז געוואָרן דעם יום־טוב פון דער מענטשהייט: „און דו זאָלסט געדענקען, אַז אַ קנעכט ביסטו געווען אין לאַנד מצרים און גאָט דיין גאָט האָט דיך אַרויסגעצויגן פון דאָרטן מיט אַ שטאַרקער האַנט און אויסגעע־שטרעקטן אָרעם; דעריבער האָט דיך דיין גאָט באַפוילן צו מאַכן שבת". און אַזוי איז דער טאָג שבת דאָ פאַרצייכנט געוואָרן, ווי אַ טאָג פון אָנדענק ליציאת־מצרים. הגם פריער אין צייט, און לויט די דערציילונגען פון דער תורה, האָט דער טאָג שבת מיט דעם קיין שום שייכות ניט.

אָבער פאַרן טיפן בליק פון האַר פון די נביאים זיינען געווען אַנט־פּלעקט אויך די אינערלעכע באַציאונגען פון זאַכן; ווייל אין דעם ליגט דאָך דעם נביא׳ס כוח אַריינצוקוקן אין זייערע טיפענישן. און די אינערלעכקייט

פון שבת איז תמיד געווענדט געווען מער צו דער ערד, ווי צום הימל, מער צו דעם מענטשנס באַפרייאונג פון פינצטערע אַבערגלויבנס, פון נאַרישער גאווה און פון געצנדינערישער דערהויבונג, איידער צו דעם מיסטעריעזן שטרעבן צו באַגרייפן גאָטס וועגן. וועגן שבת, און זיין אַנטוויקלונג וואָס איז זייער וויכטיק אין דער געשיכטע פון רעליגיע, קען מען זאָגן דאָס אייגענע וואָס משה האָט געזאָגט וועגן דער גאַנצער תורה: „זי איז ניט אין הימל!״ אָפּשטאַמען שטאַמט זיי אָפּ פון די העכערע וועלטן, נאָר זי זוכט אויס דעם מענטשן, וואָס איז געשניטן פון ליים, און וויל אים ברענגען דערהויבנקייט, פּראַקטיקייט, שיין און קדושה, זי און איר ערשטער באַנער־טרעגער, דער שבת.

ווען דער אַפּאָסטאָל פּאָולוס און זיינע חברים האָבן אָפּגעשטויסן דעם שבת צוליב זיינע חומרות און אויף זיין פּלאַץ אַוועקגעשטעלט דעם זונטיק, ווי אַ זכר פון אויפשטייג פון זייער משיח פון קבר צום הימל, האָבן זיי דורכ־דעם געהאַט בכוונה צו טרעפן ניט נאָר דעם גוף פון אידנטום, נאָר אויך זיין נשמה. און די אידישע חכמים האָבן באַלד דערשפּירט די פולע געפאַר פון דעם דאָזיקן קלאַפּ. מיר וועלן ניט זינדיקן צום היסטאָרישן אמת און ניט פוגע זיין אין כבוד פון די חכמים, אויב מיר וועלן וואָגן צו באַהויפּטן, אַז אין זייער קאַמף מיט פּאָולוסעס שיטה, וואָס האָט געזוכט אויסצורייסן די גאַנצע תורה, האָבן זיי געמאַכט סיגים און צאַמען, וואָס אין רואיקע צייטן און אין אַ צייט פון פרייער אַנטוויקלונג פאַרן אידנטום, וואָלט מען זיי ניט באַדאַרפט האָבן. אָבער ס׳זיינען געקומען צייטן, ווען די דאָזיקע סיגים און צאַמען זיינען געוואָרן די שוץ־מויער פון אידנטום. און דער וואָס קוקט זיך צו צום אידנטום פון מיטלאַלטער אָן אַ פאַראורטייל, וועט באַלד דערגיין און וויסן, אַז די דאָזיקע אויסערלעכע סיגים און צאַמען האָבן געהאָלפן פאַר־שטאַרקן און ראַטעווען די אינערלעכע פעסטונגען פון אידנטום אין טאָג פון שטורעם און צאָרן.